№ 32 Należytość pocztowa opłacona ryczałtem. צענטנער יערגאנג. פרייז 20 גראשען.

טשענסטאכאווער צייטונג

Bibljoteka Jagellońska
Kraków
Św. Anny 19

פון טעקסט 40 גראשען
אין טעקסט 80 גראשען.
די ערשטע און לעצטע זייט הצלט 8 אנאנסען שפאלטען.

ערשיינט יעדען פרייטאג.
רעדאקציע און אדמיניסטראציע:
ערשטע אלעע 6. — טעלעפאן 201.

אבאנעמענטס-פרייז: א נומער 20 גראשען.
אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע:
CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TELEFON 201.

Piątek, dnia 7 sierpnia 1931. ליכט-צינדען 7.05 פרייטאג, פ׳ ראה כ״ד מנחם אב תרצ״א.

צו דער חתונה פון פרייליין יאדזיא כאסקלאוויטש (טשענסטאכאוו), מיט ה׳ טוביה שיליט (דזיאלאשין), ווינשט א הארציגען מזל-טוב און אייביגע צופרידענהייט.
גרייצער און פאמיליע, געלבער און פאמיליע.

ברכת מזל-טוב לחברינו צבי שפרינגר עם העלמה מרת לאה בעהם
וישראל יהודה חוינאצקי עם העלמה שרה מושקוביץ לנשואתכם.
יהי רצון שאשר ועושר יקננו כל ימי חייכם בבתיכם.
משה דימאנד, עמנואל פרידמאן, יצחק ליפסקי.

דאס געבעקס פון דער בעקעריי פון דער פירמע אורבאך
בעוואוסטער
וואַרשאווער 46 עגזיסטירט פון י. 1893
איז אזוי ווי פאר דער מלחמה ווידער דא.
נאך א גרונדליכען רעמאנט, ווי אונזער בעקעריי איז איינגעארדענט געווארען-לויט אלע כללים פון היגיענע און טעכניק, באקען מיר ווידער אויס צו דער צופרידענהייט פון די קאנסומענטען אלערלייגעבעקס ווי:
ברויט, זעמעל, חלות און אלערליי טשאסטעס פון די בעסטע סארטען מעהל.
פערקויפס-שטעלע: וואַרשאווער № 46, סענאטארסקא № 33
ווי אויך אלעע 8 ביי מ. קירשענבוים אין הויף רעכטס.

Upał nie dokuczy, jeśli pomyślałeś o piwie SZWEDEGO

ערקלערונג.

היות ווי ביזוויליגע פערשוינען פערשפרייטען רכילות אויף מיין אונבעפלעקטען נאמען, ערקלער איך, אז אלץ איז שקר וכזב און אין דער צוקונפט וועל איך מוזען ארויסטרעטען מיט דער גאנצער שטרענגקייט פון געזעץ געגען די דאזיגע רכילות-פערשפרייטער.

ח. זאמפער.

דאס היטל און קאפעלושען - געשעפט
א. ד. פ. י. ה. יאקובאוויטש סטראושאצקע 5
מאכט בעקאנט, אז פון היינטיגען טאג איז דאס געשעפט איבערגעטראגען געווארען אין דער
ערשטער אלעע 8, פראנט
אויף לאגער איז פערהאנען א גרויסער אויסוואהל פון אלערליי פוטער, קאפעלושען, היטלעך ווי אויך אלערליי שול-היטלעך און יורישע היטלעך.
רעעלע און סאלידע בעהאנדלונג!
מיט אכטונג:
י. ה. יאקובאוויטש
ערשטע אלעע 8.

Gimnazjum Koedukacyjne D-ra Axera
w Częstochowie, ul. Zielona 24,
ogłasza niniejszem
wpisy na rok szkolny 1931/32.
Egzaminy powakacyjne dnia 31 sierpnia.
Wpisy przyjmuje się codziennie w godzinach przedpołudniowych
Niezamożni uczniowie otrzymują od Komitetu Opiekuńczego ulgi we wszystkich klasach. Czesne w klasach (I i II) wynosi 25 zł

Dr. med.
D. KAGAN
I-sza Aleja 11, tel. 8-28
przyjmuje od 9—11 i 4—7.

Dr. med.
Władysław Sobol
powrócił
przyjmuje codziennie od 4—7.
Kościuszki 24. Tel. 607.

Dr. med.
Cz. Szpiro-Orlińska
choroby dzieci
POWRÓCIŁA.
Przyjmuje od 4—6.
Kościuszki № 23.

NA RATY! NA RATY!
Zakład Elektrotechniczny
LEON SZAJKOWICZ
Częstochowa, I Aleja 4
zawiadamia Sz. Klijentelę, że wykonuje wszelkie instalacje elektryczne oraz motorowe na dogodnych warunkach spłaty ratami w ciągu **jednego** roku.
Posiada również na składzie WSZELKIE APARATY wchodzące w zakres elektrotechniki jak: grzejniki elektryczne, wentylatory, żelazka, piece elektryczne i t. p
WSZELKIE REPERACJE wykonuje się w ciągu całego dnia od 8 rano do 11 w nocy.
NA RATY! NA RATY!

עפענטליכער פראטעסט!

מיר אונטערגעשריבענע צעכען ביים צענטראלען האנדווערקער-פערבאנד, פראטעסטירען ווי אמשארפסטען געגען דער לעצטער אונטאקטישער כוליגאנישער האנדלונג פון פראפ. מאלער-ארבייטער פעראיין געגען אונזער ח׳ דזיאלצוויטש. מיר מאכען אויפמערקזאם אויב אזעלכעס וועט נאך א מאהל פארקומען, וועלען מיר אננעמען די שטרענגסטע און ווייטגעהענדסטע מיטלען, וואס וועט נאר זיין אין אונזער בעזיץ און נישט דערלאזען צו אזא הפקרות׳דיגע האנדלונג.

אין נאמען פון:

שניידער - צעך קאץ ש.
לעדער - צעך דארפגאנג
מעטאל - צעך גאטליעב
פריזירער-צעך גאלדבערג
טישלער - צעך קאץ ל.
בלעכער - צעך גאנשעראוויטש
טאפיצירער-צעך שטייער
קירזשנער-צעך איידעלמאן
מאלער - צעך גרייצער
בעקער - צעך אופנער
צוקערניקעס-צעך טענענבוים.

Niniejszem podaje się do wiadomości terminatorkom - uczenicom, iż zapisy do
Szkoły Dokształcającej Zawodowej
przy Związku Rzemieślników odbędą się od 15 sierpnia do 1 września rb. w kancelarji szkoły Narutowicza 16 codziennie od 7—9 w.

דערמיט ווערט בעקאנט געמאכט די שילערינס—לערן - מיידלעך, אז די איינשרייבונגען אין דער
פאך = רערגענצונגס = שולע
ביים האנדווערקער-פעראיין קומען פאר פון 15 אויגוסט ביז׳ן 1 סעפטעמבער אין דער קאנצעלאריע פון דער שולע נארוטאוויטשא 16 יעדען טאג פון 7–9 אוונד.

ענטשולדיגונג.

איך בעט ענטשולדיגונג ביי דער סעקציע שאכטעל-מאכער, פאר מיין נישט טאקטישער האנדלונג.

איך פערזיכער, אז אזעלכעס וועט שוין מעהר נישט פארקומען און אלס סימן פון חרטה גיב איך 15 זלאטעס פאר דער סעקציע.

בערל בערקאוויטש, וואַרשאווער 33.

וויכטיג פאר שניידער-מייסטער און געזעלען!
דער בעוואוסטער צושניידער-לעהרער א. אורמאן מאכט בעקאנט, אז ביז זונטאג, דעם 9 שערפיען איז דער לעצטער טערמין פון איינשרייבען און איינצאהלען אויף די צושניידער-קורסען פון הערן- און דאמען-בעקליידונג, ווייל אין מיטען קורס וועלען קיין נייע שילער נישט צוגענומען ווערען. די לעקציעס קומען פאר אין לאקאל פון האנדווערקער-פעראיין, אלעע 12. פאר שניידער-מייסטער, וועלכע ווילען לערנען דיסקרעט קומען די לעקציעס פאר אין א פריוואט-לאקאל.
די איינגעשריבענע שילער ווערען געבעטען ביז זונטאג דעם בעטראג איינצוצאהלען, כדי זיי זאלען קענען געניסען פון די לעקציעס.
נוצט אויס די געלעגענהייט צו לערנען ביים פראקטישען צושניידער-לעהרער א. אורמאן אין אייער אייגענער שטאדט.
קומט אלע צו די לעקציעס, כדי צו קענען אויף די ימים - טובים עגזאמינירט ווערען און בעקומען א דיפלאם.
מיט אכטונג:
צושניידער-לעהרער א. אורמאן, אלעע 12.
די צושניידער - קורסען זענען שוין אין פולען גאנג.

שוין צו פערדינגען
2 צימער מיט א קוך
מיט בעקוועהמליכקייטען.
ערקונדיגען זיך: ספאדעק 15, וואוינונג 11.

דאנקזאגונג.

מיין הארציגסטען דאנק דעם סטארשע פעלדשער ה׳ ס. מיטלער פאר זיין אונערמידליכער אנשטרענגונג און זארגפעלטיגער בעהאנדלונג, בעת דער שווערער קראנקהייט פון מיין מוטער א דאנק וועלכע זי איז ב״ה צוריק געזונד געווארען.

זאל ער האבען ווייטערדיגע הצלחה אין זיין ארבייט!

שלמה בארזיקאווסקי.

אכטונג!
אין דער ניי - געעפענטער, גוט איינגעארדעטער לויט׳ן לעצטען ווארט פון טעכניק
ניקלעריי, מיראווסקע 4
ווערט אנגענומען צו ניקלען אלערליי ראווער - און אויטא - טיילען אדג״ל
צו ביליגע פרייזען
ווי אויך אלערליי אייזען און מעטאל צו שווייסען.
געדענקט די אדרעס: מיראווסקא 4.

התראה.

איך פאדער אויף דעם ה׳ בעריש האבערפעלד, אז ער זאל אין משך פון 8 טאג מיר צוריקגעבען די קונדישע וועקסלען פון 1.400 זל. וואס איך האב איינגעלייגט פאר יחיאל פעלץ, אז ער זאל אבמעקען דעם אקט פון ה׳ פאטעק און דערוייל האט ער זיי אויסגענוצט פאר פערזעהנליכע צוועקען און דעם ה׳ פעלץ האב איך געמוזט בעזונדער בעצאהלען.

אויב אין משך פון דער צייט וועט ער מיר די וועקסלען נישט אומקערען וועל איך דעם גאנצען ענין איבערגעבען די פראקאראטור.

מרדכי יוסף אלטמאן.

א געוועלב צו פערדינגען
אין א גוטען פונקט
ערקונדיגען זיך אין דער פירמע:
„SZYK", ul. KOŚCIUSZKI № 13
אין הויף, פארטער.

7-io kl. Prywatna Szkoła Powszechna
B. WEINBERŻANKI
w Częstochowie, I-sza Aleja № 8.
איז מודיע דעם געעהרטען פובליקום, אז די אויבענדערמאנטע שולע נעמט אן איינשרייבונגען אויף דעם נייען שול-יאהר אין משך פון גאנצען חודש שערפיען ד. י. פון 9 פריה ביז 1 מיטאג טעגליך.
גלייכצייטיג מאכען מיר אויפמערקזאם, אז די פארברייטונגס-קורסען אין אלע קלאסען האבען זיך שוין אנגעהויבען.
בעמערקונג: אויך ווערען שוין צוגענומען שילער פון אנדערע שולען אויף פאלגענדע למודים: ווי
חומש, רש״י, נ״ך, משניות, גמרא, העברעאיש און יודישע היסטאריע.

ברויט פאר הונגעריגע.

מיר זענען פון שטענדיג אן געוואוינט געוועזען אין געביעט פון הילף צו זיין די ערשטע. מיר פלעגען שטענדיג אין דער הינזיכט זיין די ערשטע, ארויסווייזען אונזערע אמת'ע ברודערליכע געפיהלען און פערשטאנד פאר דער טרויעריגער לאגע פון אונזערע הונגעריגע און ליידענדע.

זענען מיר דאך עפיס רחמנים בני רחמנים, וואס מיר האבען איבערנומען פון אונזערע אבות בירושה, און האבען אין משך פון דורות דעם דאזיגען זין אונזערען געגעבען א רעאלען אויסדרוק, דורכ'ן שאפען די אלערליי הילפס-אינסטיטוציעס און וואוילטעטיגקייטס-פעראיינען.

מיר זענען שטענדיג געוועזען א מוסטער פאר דער נישט-יודישער וועלט, וועלכע האט שטענדיג אויף אונז געקוקט און אין געביט פון הילף פון אונז זיך געפרובט צו לערנען.

אט, פלעגט מען פון צייט צו צייט בעגעגענען אין דער פוילישער פרעסע, אט פלעגען זיי זאגען און אנווייזען, לערנט אייך ביי די יודען, וועלכע האלטען זיך ברודערליך און אין א צייט פון א נויט זענען זיי אמת'ע „אחים", ברידער איינער דעם צווייטען.

———

עס איז אבער איצט דער פאל, ווען אנשטאט זיי פון אונז, דארפען מיר זיך פון זיי לערנען, מיר דארפען זיך א קליינעם ביישפיעל אראבנעמען פון דער היגער פוילישער געזעלשאפט.

לעצטענ'ס זענען אין אונזער שטאדט דורך דער איניציאטיוו פון מאגיסטראט געשאפען געווארען בחנמ'דיגע קוכען, וואס גיבען ארויס טעגליך טויזענדער אומזיסטע מיטאגען פאר די הונגעריגע און ארבייטסלאזע היגע איינוואוינער. עס איז זעלבסטפערשטענדליך, אז די יודישע הונגעריגע וועלען פון די דאזיגע קוכען כמעט נישט געניסען, אבער דאס הייסט נישט, אז די יודישע הונגעריגע דארפען ווייטער הונגערען און ליידען נויט, אהן יעדען מיטהילף און פערלייכטערונג.

דאצו דארף קומען דער גוטער ווילען און ברודערליכער פליכט פון דער היגער יודישער געזעלשאפט, וועלכע דארף עהנליכע קוכען פאר די יודישע הונגעריגע ארגאניזירען און מיט דער דאזיגער אזוי דרינגענדער הילף אקעגענקומען אונזערע היימישע ברידער.

עס איז צוועקלאז אנצווייזען, אז אזא מין אונטערנעהמונג איז אין איצטיגען מאמענט אונגעהויער דרינגענד, ווייל אויב אויף דער פוילישער גאס ווערען געשאפען קאמיטעטען, מען פיהרט אקציעס און מען שטיצט ארבייטסלאזע און הונגעריגע, ווערט ביי אונז, יודען, אויף דעם געביעט גארנישט געטהון, קיין שום שריט פון דרינגענדער הילף, פון הילף אין דער פארם פון ברויט פאר הונגעריגע, ווערט איצט נישט געטהון, אבער עס די העכסטע צייט דערצו זיך ערנסט צו נעמען, ווייל די צייט פערלאנגט עס און אונזערע הונגעריגע ברידער פאדערען עס.

זאל זיך דאסמאל אונזער אמאליגער רחמנים בני רחמנים - געפיהל ווידער אויפוועקען און טהאטען ווייזען.

ל.

דאס אלט = נייע געשריי!

שוין מיט א צייט צוריק האב איך אויף די שפאלטען פון דער „טשענסטאכאווער צייטונג" ארומגערעדט די בעציהונג פון די היגע קאמונאלע מאכט-ארגאנען צו דער יודישער בעפעלקערונג.

דאס געזעץ וועגען געזעלשאפטליכער אויפזיכט ווארפט ארויף אויף די מאגיסטראטען די פליכט צו זארגען פאר די מיטגלידער פון דער גמינע, וואס קענען נישט מיט אייגענע מיטלען בעפרידיגען זייערע נויטיגע הצטרכות'ן.

דער מאגיסטראט דארף — אין הסכם מיט'ן געזעץ — פערשאפען פאר די נויטבעדערפיגע לעבענסמיטעל, וועש און שיך; דירה מיט בעהייצונג און בעלייכטונג; מעדיצינישע הילף אדג.

דער מאגיסטראט דארף אויך פערשאפען פאר ארימע בעלי-מלאכות די נויטיגע מכשירים צו קענען פיהרען זייער פראפעסיע.

דאס געזעץ ווארפט אויך ארויף אויף די מאגיסטראטען די פליכט צו העלפען פריוואטע געזעלשאפטליכע אינסטיטוציעס, מיט וועלכע זיי דארפען צוזאמענארבייטען.

ביים איבערנעהמען די שטאדטישע ווירטשאפט דורך א רעגירונגס-קאמיסאר, וועלכער האט זיך געשטעלט פאר אנ'אויפגאבע צו סאנירען די שטאדטישע ווירטשאפט, זענען מיר געווען זיכער, דאס צווישען אנדערע וועלען אויך סאנירט ווערען די בעציהונגען צו די יודישע סאציאלע און קולטורעלע בעדערפענישען, דאס דער רעגירונגס-קאמיסאר וועט איבערנעהמען אויף זיך אט די דאגות פון דעם יודישען שטייער-צאהלער, וואס מוז — אויסער זיינע פליכטען לגבי דער מלוכה און קאמונאלער מאכט — טראגען אויף זיינע פלייצעס די הוצאות וועלכע דארפען — לויט'ן געזעץ — אויסגעהאלטען ווערען דורכ'ן מאגיסטראט.

ליידער, האט דער דאמאלסדיגער רעגירונגס-קאמיסאר בראטקאווסקי נישט נור נישט איבערגענומען די דאגות נור האט אפילו אבגעשטעלט די מינימאלע אונטערשטיצונגען, וואס זענען אויסגעקעמפט געווארען אין פערלויף פון אייניגע יאהרען דורך דער יודישער פארשטעהערשאפט אין שטאדט-ראט און מאגיסטראט.

די טענדענץ צו ליקווידירען די סובסידיעס פאר די יודישע אינסטיטוציעס האט מען בולטער געזעהען ביים פערטיילען דעם בודזשעט אויפ'ן לויפענדען בודזשעט-יאהר. פון דעם ¼ מיליאן זלאטעס, וואס דער מאגיסטראט האט יאהר-יעהרליך בעשטימט פאר יודישע הצטרכות'ן, האט מען איבערגעלאזט א פינפטיל, דאביי זענען גענצליך אדורכגעלאזט געווארען פיעל וויכטיגע יודישע אינסטיטוציעס, וואס זענען דורך דער נעגאטיווער שטעלונג פונ'ם מאגיסטראט געשטעלט געווארען אין סכנה.

אויך דאמאלט האט דער ענין ארויסגערופען א רעש, מ'האט פראטעסטירט, אלארמירט די אויפזיכטס-מאכט און... שטעהן געבליבען.

קיין געוועהלטע יודישע פארשטעהערשאפט האבען מיר נישט היינט; דאס קול פון דעם יודישען צבור האט מען נישט געהערט, נור די אדער יענע יודישע אינסטיטוציע, די מעהר טעטיגע האבען געפרובט עפיס טהון, אבער מיט'ן יחיד רעכענט מען זיך קנאפ, עס איז געבליבען כקול קורא במדבר.

און די רעזולטאטען זענען פאטאלע, מ'צאהלט אפילו די צוגעווארפענע פרוטות אויך נישט רעגולער און געמאכט ווערט עס גאנץ פשוט: צוערשט האט דער קאמיסאר צעלייגט די סובסידיעס אויף וועכענטליכע ראטעס, בכדי מ'ען זאל נישט דארפען צאהלען קיין גרויסע סומעס מיט א מאהל. די אויסצאהלונגען דארף רעאליזירען דער בוכאלטער ה' נאוואקאווסקי, וואס איז גוט בעקאנט פון זיין בעציהונג צו יודישע אינסטיטוציעס — פערשטעהט זיך דאס גראד אין דעם צאהלונגס-טאג פעהלט אויס געלד און ווען מ'קומט א פאר טעג שפעטער ערקלערט מען דאס קיין „אלטע חובות" צאהלט מען נישט.

דאס אויבענגעזאגטע בעציהט זיך צו די „גליקליכע" אינסטיטוציעס, וואס האבען זוכה געווען, (פערשטעהט זיך ארומגעהאקט און ארומגעשניטען) אריינגענומען צו ווערן אין מסכת בודזשעט 1931/2. דער רוב אינסטיטוציעס זענען אין גאנצען געבליבען אין דרויסען, א טייל ווידער זענען „פערלוירען" געגאנגען אויפ'ן וועג פון טשענסטאכאוו קיין קיעלץ אדער צוריקגעקומען אויפסנייע געניזוקט. עס האט אפילו געטראפען א פאל מיט א יודישער אינסטיטוציע (אויב כ'האב נישט קיין טעות, מיט די אוונט קורסען ביי דער האנדווערקער-שול), וואס איז „פערלוירען" געגאנגען אין טשענסטאכאוו גופא, ד. ה. געפונען זיך אין בודזשעט און „אוועקגעקומען". מיט „זיכען" די אבידה האט זיך בעשעפטיגט, אבער אהן ערפאלג ה' פאגעלבוים.

אמבולטסטען — גלויב איך — וועט כאראקטעריזירען די בעציהונג פון דער יעצטיגער שטאדט-פערוואלטונג צו די יודישע נויטען דער ווייטער אנגעוויזענער פאקט.

אין יוני ה. י. האט דער קאמיסאר גערופען א זיצונג מיט דער בעטייליגונג פון די פארשטעהער פון יודישען דאבראטשינאשטש און „טאז" ארומצורעדען די קאלאניעס - אקציע אין טשענסטאכאוו. אויף דער זיצונג איז בעשטימט געווארען פאר די האלב-קאלאניעס פון „טאז" 3500 זל. דער רעפערענט ה' פלאזאק, וואס האט פערטרעטען דעם קאמיסאר, האט פערארדענט צוצוטרעטען איינצואָרדנען די האלב-קאלאניעס אקציע פאר 250 קינדער, פעזיכערענדיג אפיציעל, דאס דער מאגיסטראט וועט אויסצאהלען 3500 זל. אין 3 וועכענטליכע ראטעס. אויף דעם סמך איז דער „טאז" צוגעטרעטען צו דער אקציע, וואס דארף אבקאסטען איבער 10 טויזענד זל.

פערשטעהט זיך, אז אויסצאהלען האט געדארפט ה' נאוואקאווסקי, וועלכער האט שוין געזעהען, אז עס זאל דויערען ביז... דער ה' קאמיסאר בראטקאווסקי האט — אלס לעצט-געלד פאר'ן איבערגעהן צו דער וואיעוואודשאפט — ערקלערט קורץ און קלאר: איך וועל קיין געלד נישט אויסצאהלען.

עס האבען נישט געהאלפען קיין טענות: דער „טאז" האט זיך שוין אנגאזשירט אין דער אקציע, דער „טאז" איז נישט אומשטאנד ארויסצוציהען ביי די איצטיגע בעדינגונגען אזא סומע פון דער פעראָרימטער יודישער בעפעלקערונג... עס איז נישטא און מען וועט נישט געבען! פראטעסטירען איז נישטא צו וועמען, ווייל ה' בראטקאווסקי איז דאך יעצט וויצע-וואיעוואדא און ער וועט דאך בעשטימט נישט לאזען און וועלען ענדערן די דעציזיע פון ה' בראטקאווסקי, דעם שטאדט-קאמיסאר.

עס בלייבט דאריבער פאר'ן „טאז" איבער, אדער אריינצולאזען זיך אין א דעפיציט אהן אויסזיכט צו דעקען איהם, וואס קען בעדראהען זיין קיום, אדער אהיים שיקען אין מיטען דאס ביסעל קינדער, ד. ה. פערטרייבען זיי פונ'ם „גן-עדן".

דער תירוץ „שפארזאמקייט" קען נישט גענומען ווערען ערנסט, ווייל אין דער זעלבער צייט עפענט דער מאגיסטראט אומזיסטע קוכען, וואו עס ווערען ארויסגעגעבען איבער 1000 מיטאגער טעגליך פאר ארבייטסלאזע, פון וועלכע קיין יודען געניסען נישט. און דא ביים „טאז" האנדעלט זיך דאך אויך וועגען א מיטאג פאר קינדער פון ארבייטס-און פרנסה-לאזע.

מיט'ן גורל פון די יודישע אינסטיטוציעס מוז זיך פעראינטערעסירען די גאנצע יודישע געזעלשאפט, וועלכע דארף לאזען הערען איהר ווארט. די יודישע געזעלשאפט דארף פאדערען איהרע רעכט אלס מענשען און גלייכבערעכטיגטע מיטגלידער פון דער טשענסטאכאווער גמינע.

י. ר.

זענען נערוועז- און קאפשמערצען היילבאר?

אויך פאר רעוומאטיקער זעהר אינטערעסאנט!

מיר געבען דא איבער דעם תוכן פונ'ם בריף פון ה' ב. בראטקאווסקי, לעמבערג, זשענסנא פאלסקא: זייט א לענגערע צייט האב איך געליטען אונערטרעגליכע קאפשמערצען, וועלכע די דאקטוירים האבען בעצייכענט אלס א כראנישען מירגען. איך האב א סך מיטלען בענוצט, אבער ליידער אהן א דויערנדען ערפאלג. אין די צייטונגען האב איך געלעזען וועגען די היילענדע ווירקונג פון טאגאל און ענדליך אויך דאס מיטעל געפרובט. נאכ'ן איינגעהמען פון טאגאל זענען באמת די לעסטיגע קאפשמערצען פערשווינדען און שוין זייט 3 חדשים פיהל איך מיך פולקומען געזונד. עהנליכע ערפאהרונגען האבען געמאכט א סך טויזענדער ליידענדע, וועלכע האבען בענוצט טאגאל-טאבלעטען ביי רעוומאטיזם, גיכט, רייסען אין די געלענקען, ערקעלטונגען, נערוועז-און קאפשמערצען, ווי אויך ביי עהנליכע קראנקהייטען. ווען אנדערע מיטלען האבען פערפיהרט, האט טאגאל אפילו אין פערעלטערטע פאלען, אפט איבעררראשענד גוטע ערפאלגען ערציעלט. טאגאל שטילט נישט נור תיכף די שמערצען, נור איז אויך עוקר מן השורש די קראנקהייטען אויף א נאטירליכען אופן און איז אונשעדליך פאר'ן הארץ, מאגען און אנדערע ארגאנען. איבער 600 דאקטוירים-אטעסטאטען. פרובט דעריבער נאך היינט אליין אויס, אבער פערלאנגט אין אייער אייגענעם אינטערעס נור טאגאל—ס'איז נישט פערהאנען גאר קיין בעסערס. אין אלע אפטייקען.

די פערפאלגטע.

(15

ראמאן פון יודישען לעבען אין איטאליע, אין 19-טען יאהר-הונדערט.

פריי פון העברעאיש דורך י. געלזאהן.

(פארטזעצונג).

א לענגערע צייט האט געדויערט די בעראטונג צווישען דער באנדע. עקיבא און קלמן האבען זיך שנעל פערשטענדיגט מיט די פאריזער געהיים-אגענטען, וועלכע זענען פאקטיש געווען אויסוואורפען, מענשען פון דער הינטער-וועלט, וואס זענען גרייט פאר געלד צו בעגעהן דעם גרעסטען פערברעכען און זיי האבען צווישען זיך פערטיג געמאכט געוויסע פלאנען ווי אזוי צו פאנגען דעם באראן און זיין טאכטער ראזא.

צווישען די דאזיגע פלאנען זייערע איז אויך געוויס דאס וואס עקיבא האט אויף זיך גענומען איבערצוקויפען די דיענער פון הויפט-ריכטער, וועלכער איז דאן שוין געווען גובערנאטאר, אז ער זאל נאכשפיאנירען אויב דער באראן קומט אהער און וואס זיי רעדען צווישען זיך.

עקיבא און קלמן האבען זיך געהאט דערוואוסט, אז דער גובערנאטאר איז אין גוטע בעציהונגען מיט'ן באראן אדעלבערג, און זיי זענען געווען זיכער אז אזוי ווי ער וועט זיך דערוויסען וועגען דעם צוועק צוליב וועלכען די פאריזער געהיים - אגענטען זענען געקומען, וועט ער וועגען דעם מיטטיילען דעם באראן און דעריבער האבען זיי בעשלאסען פאר יעדען פרייז צו וויסען וואס דער באראן [illegible]

רעדט מיט'ן גובערנאטאר.

.10

צומארגענ'ס, ווען דער באראן איז געזעסען ביים מיטאג מיט זיין פרוי און טאכטער ראזא, איז געקומען א שליח פון גובערנאטאר, וועלכער האט געבעטען, אז דער באראן זאל צו איהם באלד קומען אין זיין פריוואט-וואוינונג וועגען א זעהר וויכטיגען ענין.

דער באראן און זיין פאמיליע האבען זיך זעהר דערשראקען, דאס הארץ האט זיי געזאגט, אז עס דראהט זיי א געפאהר, זיי האבען שנעל פערענדיגט דאס מיטאג און דער באראן איז אוועק צום גובערנאטאר.

איהר האט זיך געוויס דערשראקען —האט דער גובערנאטאר געזאגט צו אדעלבערג'ן ווען ער איז אריינגעקומען —פארוואס איך האב אייך אזוי פלוצלונג גערופען צו מיר.

יא, הער גובערנאטאר, איך שטעל מיר אויך פאר, אז מיין שרעק איז נישט קיין אומזיסטע, איך פערשטעה אז דאס האט א צוזאמענהאנג מיט'ן בריעף פון מיין זוהן לודוויק—האט דער באראן געענטפערט.

ליידער איז דאס אזוי הער באראן, איך ווייס נאך גארנישט, אבער צופעליג האבען מיר מיינע מענשען איבערגעגעבען, אז עפיס צוויי פרעמדע מענשען, וועלכע זעהען אויס די פראנצויזען זענען געקומען אין שטאדט און [illegible]

שליחים.

איז דאך שלעכט—האט דער באראן פערצווייפעלט געזאגט.

עס איז גארנישט שלעכט, מיין פריינד, קודם כל טארען זיי קיין זאך נישט טהון אהן מיין ידיעה, אפיציעל מוזען זיי קומען צו מיר און מיר איבערגעבען זייער פערלאנג וואס זיי ווילען, ווייל אנדערש קען איך זיי לאזען ארעסטירען און ארויסשיקען פון מיילאנד.

און אויב זיי וועלען דאס טהון נישט-אפיציעל — האט דער באראן געזאגט — איך ווייס די געזעצען וואס הערשען אין הפקר'דיגען פראנקרייך אלץ ווערט געטהון דורך הינטערוועגען, נישט אויפ'ן גלייכען וועג.

מוזען מיר טאקי זיין זעהר פארזיכטיג. איך וועל פעראָרדנען מיינע מענשען, אז זיי זאלען די דאזיגע לייט גענוי אבסערווירען, און זעהען וואס זיי טהון אין מיילאנד, אבער איהר מיט אייער פאמיליע מוזט זיך האלטען שטענדיג אין דער וואוינונג, איבערהויפט ביינאכט, ווייל די פאריזער שפיאנען זענען פעהיג אויף דעם ערגסטען פערברעכען.

דער באראן האט הארציג געדאנקט דעם גובערנאטאר פאר זיין פעראינטערעסירען זיך מיט זיין לאגע און איז אוועק אהיים.

די באראנין מיט ראזא'ן, וועלכע האבען איהם ערווארט מיט דער גרעסטער אונגעדולד, זענען ערשיטערט געווארען הערענדיג וואס דער גובערנאטאר האט איהם דערצעהלט. די באראנין האט אנגעהויבען וויינען און ספאזמירען, אבער דער באראן האט איהר איבערגעבען, אז דער גובערנאטאר וועט טהון אלעס מעגליכעס זיי אבצוראטעווען פון די מערדערישע הענד, און ער איז זיכער, אז ס'וועט איהם געלונגען זיי אבצוהיטען.

די גאנצע צייט, וואס דער באראן איז געזעסען ביים גובערנאטאר אין קאבינעט איז דער איבערקויפטער דיענער געשטאנען אונטער דער טיער און ער האט געהערט יעדעס ווארט וואס זיי האבען צווישען זיך גערעדט, כדי אלעס צו קענען איבערגעבען עקיבא'ן, און ווי נאר דער באראן איז אוועק האט דער גובערנאטאר אריינגערופען זיין דיענער און איהם געהייסען געהן נאך צוויי פון זיינע געטרייסטע מענשען, אז זיי זאלען שוין קומען.

דער דיענער האט פערשטאנען וועגען וואס דער גובערנאטאר רופט זיי און ער האט בעשלאסען אונטערצוהערען דאס געשפרעך, וואס דער גובערנאטאר וועט מיט זיי האבען און ער זאל קענען עקיבא'ן איבערגעבען די גאנצע זאך און פון איהם בעקומען וואס מעהר געלד.

ווען די צוויי מענער זענען געקומען צום גובערנאטאר און אריין אין זיין קאבינעט, האט זיך דער זעלבער דיענער ווידער געשטעלט אונטער דער טיער און אויסגעהערט גענוי ווי דער גובערנאטאר האט זיי געזאגט, אז פון פאריז זענען עפיס אנגעקומען צוויי פערדעכטיגע פערזאנען, וועלכע ווילען אין מיילאנד אבטהון א שמוציגע ארבייט, דאריבער זאלען זיי שטעהן אויף דער וואך און אבסערווירען גענוי וואס די מענשען טהון, וואו זיי געהן, מיט וועמען זיי פערקעהרען און אלץ איהם גענוי איבערגעבען.

אייער בעפעהל, ה' גובערנאטאר, וועט פונקטליך אויסגעפיהרט ווערען, מיר נעמען זיך שוין צו דער ארבייט און יעדען טאג אין אווענד וועלען מיר אבגעבען א גענויען בעריכט פון דעם וואס מיר וועלען ערפאהרען.

איך מוז פון אייך דעם בעריכט האבען צוויי מאל אין טאג, אויף מיטאג און שפעט אין אווענד, ווייל איך גלויב אז אזעלכע פערזאנען וועלען טהון זייער ארבייט נאר אין דער נאכט.

עס שטימט, ה' גובערנאטאר, נאך היינט וועלען מיר אייך מיטטיילען וועגען דעם ערשטען שריט, וואס מיר וועלען מאכען אין דער זאך.

זייט קלוג און פארזיכטיג און נעמט זיך צו דער ארבייט, ווארום מיט פאריזער שפיאנען מוז מען וויסען ווי זיך אומצוגעהן.

זאלען דאס זיין שפיאנען ה' גובערנאטאר?

אזוי שיינט מיר צו זיין.

איהר קענט פולשטענדיג רוהיג זיין, ה' גובערנאטאר, מיר ווייסען וואס מיר האבען צו טהון און ווי אזוי אונזער מיסיע אויסצופיהרען—האבען די צוויי פערזאן געזאגט און זענען אוועק.

דער דיענער וואס האט דעם גאנצען געשפרעך אויסגעהערט איז אוועק פון דער טיער און זיך געזעצט אויף זיין ארט.

שפעט אין אווענד, ווען דער דיענער איז געוועהנליך געווען פריי פון זיין דיענסט, איז ער מיט א אויסרייד אוועק אין גאס אריין, מיט'ן צוועק צו בעזוכען עקיבא'ן און איהם איבערגעבען אלץ וואס ער ווייסט.

(פארטז. קומט).

פון וואָך צו וואָך.

דער בולגאַר און זיין פאַרשלאַג.

די יודישע טעלעגראַפען - אַגענטור האָט איבערגעגעבען אַ ידיעה פון בולגאַריען, אַז אין דער יודישער קהלה אין סאָפיאַ איז געקומען אַ בולגאַר, וועלכער האָט געמאַכט דער קהלה אַ פאַרשלאַג, אַז זי זאָל קויפען דאָס בלוט פון זיין געזונד קינד אויף ריטועלע צוועקען, מאָטיווירענדיג זיין פאַרשלאַג מיט דעם, וואָס ער וויל מיט'ן בעקומענעם געלד ראַטעווען זיין צווייט קינד וואָס איז שווער קראַנק.

צו דער דאָזיגער ידיעה ווערט צוגעגעבען אַז דער ענין איז איבערגעגעבען געוואָרען דער פּראָקוראַטור, וועלכע דאַרף פעסטשטעלען אויב דער בולגאַר איז אַ פּראָוואָקאַטאָר אָדער אַ גייסטיג-קראַנקער.

עס איז מיר שוין אויסגעקומען צו רעדען וועגען דעם וויכטיגען פּראָבלעם מיט וועלכען די ליבעראַלע מענשהייט דאַרף זיך פאַרנעמען, וועלכע בעשטעהט אינ'ם אויפקלערען און בעוואוסטזיניג מאַכען די מאַסען, און זיי בעווייזען די שעדליכקייט און גרונדלאָזיגקייט פון געוויסע אַקסיאָמען, וואָס זענען ביי זיי איינגעוואורצעלט געוואָרען אין משך פון דורות, וועלכע עס האָבען געפּרעדיגט אונאויפהערליך די פאַלשע לעהרער און וועג-ווייזער פון די פעלקער, וועלענדיג אויסנוצען דעם נאַאיווען פאָלקס-מענש פאַר זייערע אונווירדיגע צוועקען.

נעמען מיר, למשל, דעם אַנטיסעמיטיזם אין אַלגעמיין, דאָס אויסטראַכטען אויף יודען פאַרשידענע בלבולים, דאָס צוואַרפען זיי די גרעסטע זינד, און דעם געפעהרליכסטען שאַנטאַזש. ווייסען מיר דאָך אָבער, אַז די פּרעדיגער פון אַנטיסעמיטיזם, די, וואָס רעדען אויס אויף יודען אַלדאָס בייז, ווייסען גאַנץ גוט, אַז אַלעס איז אויסגעטראַכט, אַז אַלע בלבולים זענען גרונדלאָז און פאַלש, אָבער די צוהערער, איבערהויפּט פון פּשוט'ען המון מיינען, אַז אַלעס איז אמת, אַז אַלע יודען זענען אויסוואורפען און פאַרברעכער, אַז יעדער יוד איז פעהיג אויף דאָס נידערטרעכטיגסטע און ס'איז אַ מצוה זיי שלעכטס צו טהון, זיי צו רויבען און מאָרדען, זיי אויסצוראָטען ווי די געפעהרליכסטע פאַרברעכער.

און כדי צו פאַרמיידען די אַנפאַלען אויף יודען, די פּאָגראָמען און שחיטות וואָס קומען פון צייט צו צייט פאַר אויפ'ן שוצלאָזען יודישען פאָלק, איז פאַר קיין פאַל נישט נענוג דאָס, וואָס די רעגירונגען, גיבען אַרויס געזעצען, לויט וועלכע די אַנפאַלער וועלען שטרענג בעשטראָפט ווערען. עס איז אויך ווייניג דאָס, וואָס די כוליגאַנעס ווערען לויט'ן געזעץ בעשטראָפט. אמת, דאָס האַלט אָב די אַנפאַלער צו ווידערהאָלען זייערע מעשים תעתועים, מורא האָבענדיג פאַר'ן געזעץ און די פאַרגעזעהענע שטראָף, אָבער די געזעצען קענען נישט בעזייטיגען די סבה, דעם מאָטיוו, וואָס רופט אַרויס די דאָזיגע אַנפאַלען, און דאָס קען געטהון ווערען נאָר דורך אַ געהעריגער אויפקלערונג, אַ זאַכליכע בעווייזונג, וועלכע זאָל אויסוואורצלען פון זייערע הערצער די דאָרט פון דורות איינגעוואורצעלטע שלעכטע מיינונגען וועגען יודען און זיי איבערצייגען, אַז יודען זענען גלייכע מענשען מיט אַלע אַנדערע פעלקער און האָבען, אַזוי ווי אַנדערע דאָס רעכט צו לעבען און עקזיסטירען.

דאָס זעלבע איז אויך בנוגע די עלילת-דם, בנוגע דעם שרעקליכען בלבול וואָס איז אַ לאַנגע צייט פאַרשפּרייט געוואָרען, אַז יודען דאַרפען האָבען בלוט צו די מצות, דער דאָזיגער בלבול איז אויך נאָך געבליבען איינגעוואָרצעלט אין האַרץ פון דעם נאַאיווען המון, וועלכער גלויבט, אַז יודען מוזען האָבען לויט'ן געזעץ בלוט צו די מצות, אַזוי מיר האָבען דאָס געזעהען אין דער געשיכטע, אַז זאָגאַר קריסטען, וואָס זענען כלל נישט געווען קיין שונאי-ישראל און זאָגאַר אַזעלכע, וואָס האָבען יודען גרויסע טובות געטהון, האָבען פאַרט געגלויבט אין עלילת-דם. און ווען זייערע נאָהנטע יודען האָבען זיי געשוואוירען, אַז ס'איז נישט אמת, האָבען די קריסטען זיי געענטפערט, אַז דאָס איז אַ טיפער סוד צווישען די יודען זעלבסט, וועלכער ווערט פאַרטרויט נאָר די רבנים און ראשי הקהלה.

און מיר וואונדערן זיך נישט, אַז עס קען זיך נאָך היינט געפונען אַ קריסט אין אַ קליין בולגאַריש שטעדטיל, וועלכער גלויבט אַז יודען בראַוכען קריסטליך בלוט פאַר זייערע ריטועלע צוועקען און ער קומט צו אַ יודישער קהלה מיט'ן פאַרשלאַג, אַז זי זאָל ביי איהם קויפען דאָס בלוט פון זיין קינד.

עס איז אמת טרויריג, זעהר טרויריג, ווען אין דער היינטיגער צייט זאָלען זיך נאָך געפונען מענשען, וואָס זאָלען גלויבען, אַז יודען, וואָס וואוינען אין זעלבען לאַנד ווי זיי, עסען זייער בלוט, דאָס בלוט פון מענשען וועלכעס איז ביי יודען מעהר, ווי ביי אַנדערע, אומווירדיג און עקעלהאַפט, אָבער פאַרט האָבען מיר דאָס רעכט צי גלויבען, אַז דער בולגאַר, וואָס איז געקומען פאַרקויפען דאָס בלוט פון זיין קינד איז נישט קיין פּראָוואָקאַטאָר און נישט קיין גייסטיג קראַנקער, נאָר אַ נאַאיווער אונוויסענדער מענש פון פּראָסטען המון, וועלכער האָט געוואָלט ראַטעווען זיין שווער קינד, און דעריבער האָט ער געוואָלט געפונען אַ קוואַל פון נעמען געלד פאַר'ן בלוט פון אַ צווייט קינד, וואָס יודען וועלען פון איהם אָבקויפען.

עס וואָלט ווירקליך שוין צייט געווען, אַז די געלעהרטע פון אונזער דור די קריסטליכע איינפלוסרייכע מענער זאָלען זיך בעמיהען בעוואוסטזיניגער צו מאַכען די ברייטע פאָלקס-מאַסען, איבערהויפּט בנוגע יודען, און עס זאָל אויסגעמיטען ווערען אין דער צוקונפט, אַז אַזעלכע ערשיינונגען זאָלען זיך מעהר נישט ווידערהאָלען.

בן-חיים

טאָלעדאָ.

אויפ'ן אָרט וואו די שפּאַנישע אינקוויזיציע האָט פאַרברענט יודען.

(רייזע איינדרוקען.)

מיר פאָהרען קיין טאָלעדאָ.

טאָלעדאָ — „די וועכטערין פון קריסטענטום".

טאָלעדאָ — „די שטאָדט פון דער פייערליכסטער אינקוויזיציע".

טאָלעדאָ — די שטאָדט פון ר' יהודה הלוי, פון אברהם אבן עזרא, פון ראב"ד.

מיר פאָהרען מיט דריי ספרדישע יודען אָנקוקען די ניי-געפונענע שוהל, וואָס מען וויל פאַרקויפען צו יודען, אַ אָנהויב פון אַ נייעם יודישען ישוב, אין דער אַלטער שטאָדט פון וואַנען מען האָט זיי אַמאָל אַרויסגעברענט.

מיר פאָהרען אין אַן'אויטאָמאָביל. דער טאָג איז שעהן. די יודען זענען גליקליך פון דער גרויסער שליחות און דעם גאַנצען וועג זינגען זיי. זיי זינגען אַלץ וואָס זיי קענען אויסענווייניג פון דעם דאַווענען, פון תהלים, פון דער תורה, אויף דעם וועג וואָס פיהרט קיין טאָלעדאָ. אויפ'ן זעלבען וועג, וואָס מיט פיר הונדערט יאָהר צוריק זענען דאָ געגאַנגען די יודען אין גירוש שפּאַניען און זייערע קולות האָבען געריסען די הימלען — דאָ פאָהרען איצט יודען און זינגען.

נאָר אָט זענען מיר שוין אין טאָלעדאָ.

טאָלעדאָ אַליין. אַ מערקווירדיגע שטאָדט.

מיר געהען און געהען און ביסלעכווייז רינט אַריין די שטאָדט אין אונזערע אָדערען און מיר ווערען אויך אַלט ווי זי, שרעקליך אַלט. ווי אַלט, אייגענטליך איז טאָלעדאָ? קיינער ווייסט נישט, נאָר אַ לעגענדע איז דאָ, אַז גאָט האָט בעשאַפען טאָלעדאָ נאָך איידער ער האָט די איבריגע וועלט בעשאַפען. דער איצט געהט איינגאַנצען אַרויס פון זכרון און די געדאַנקען וואַנדערען נאָר אין דעם אַמאָל, אין דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט, אויף שריט און טריט רוקט זיך די דאָזיגע ווייטע פאַרגאַנגענהייט אַרויס. אָט דערזעהט איהר אַ שטיק רוימישע געשיכטע, אָט אַ שטיק אַראַבישע און אָט אַ שטיק, וואָס איז נאָך עלטער פון זיי ביידען און די אַלע. שטיקער געשיכטע אין אַלע מעגליכע סטילען ליגען איינע אויף די אַנדערע, נישט צונויפגעשמאָלצען גראָד ווי די פנימ'ער אין שפּאַניען.

און אָט איז דער פּלאַץ וואו די „אומגלויביגע" זענען געברענט געוואָרען; דער פּלאַץ, וואו די אוי-טאָ-דאַ-פעס זענען געפּראַוועט געוואָרען. עס איז איצט אַ קליינינקער פּאַרק, וואָס קוקט אַרויס איבער אַ ווייטער שטילער לאַנדשאַפט, עס שטעהען פּאַרק בענקלעך און מענשען זיצען דאָ און געניסען רוהע און לאָבען זיך מיט דער שעהנקייט פון דער לאַנדשאַפט. נאָך אַמאָל מיט פיר הונדערט יאָהר צוריק, האָט מען דאָ געברענט יודען אויף קידוש השם, צעהנדליגער טויזענדער פון זיי. און די לעצטע בליקען פון די קדושים זענען אויך געפאַלען אויף דער זעלבער ווייטער און שטילער לאַנדשאַפט אַרום.

וואָס פיהלט מען ווען מען טרעט צו צו אָט דעם געהייליגטען אָרט?

מען פיהלט אַזוי פיל, אַז מען פיהלט גאָרנישט: איך געדענק נאָר איינס: עס איז מיר געוואָרען קאַלט אין די שפּיץ-פינגער און אין די וואָרצלען פון די האָר אויפ'ן קאָפּ... ווייטער געדענק איך גאָרנישט... אַזוי ווי נאָך אַ שטאַרקען שלאָף-טרונק...

נישט ווייט פון דעם אינקוויזיציע-פּלאַץ שטעהען צוויי פּאַרצייטיגע יודישע שוהלען. שטילע, בעשיידענע, פאַרשעהמטע אָבער שטאָלץ און ריין אין זייער פאַרשעהמקייט, איינע איז — די „סאַנטאַ מאַריאַ דע לאַ בלאַנקאַ" — אַזוי האָבען איהר די גלחים אַ נאָמען געגעבען ווען זיי האָבען די שוהל געשמדט אויף אַ קלויסטער. פון דעם קלויסטער איז זי געוואָרען אַ מאָנאַסטיר, פון דעם מאָנאַסטיר — אַ קאַזאַרמע פאַר סאָלדאַטען, נאָכהער אַ שפּייכלער פאַר סאָלדאַטסקע אוניפאָרמען, דאַן אַ היים פאַר געפאַלענע פרויען, דאַן אַ — שטאַל פאַר פערד, און איצט — מוזיי, און דורך די אַלע גלגולים איז דאָך די שוהל געבליבען גראָדע ווי עס ווייזט איהר נאָמען לאַ בלאַנקאַ, די ווייסע, געבליבען ווייס און ריין ווי ווייסער פייער... איהר בעזונדערע שעהנקייט זענען פיר לאַנגע שורות ווייסע, קאַנטיגע זיילען אינווייניג, וואָס שפּאַרען אונטער דעם דאַך. ווען די זיילען וואָלטען געווען גאָט'ס אייגענע פינגער, וואָלטען זיי נישט געקענט זיין ריינער, לויטערער, פאָלקאָמענער, ערהאַבענער...

נישט ווייט דערביי שטעהט די אַנדערע שוהל, די שוהל פון רבי שמואל הלוי, אין אַ געסעלע, וואָס הייסט אויך אויפ'ן נאָמען פון אַלטען יודישען שאַץ-מייסטער. די ווענט אונטען און אויבען האָבען זעלטענע אָרנאַמענטען — העבּרעאישע פסוקים אין העבּרעאישע אותיות. אויפ'ן אויבערשטען געזימס איבער די פיר ווענט איז אין שאַרפע, שוואַרצע נאָך איינגאַנצען גאַנץ — געבליבענע אותיות, אויפגעשריבען דער קאַפּיטעל תהלים „למנצח על הגתית". אַ שטילקייט הערשט גלייך ווי אַלע מענשען אויף דער וועלט וואָלטען אויסגעשטאָרבען געווען, נאָר פויגעלעך פליהען אַרום און פּישטשען און עס דוכט זיך, אַז דאָס פליהען זיי אַרום די ווענט און זינגען דעם „למנצח על הגתית".

איין שפּאַניער וואָס בעגלייט אונז, רעדט מיט בעזונדערער געמיטליכקייט פון די יודישע אותיות אויף די ווענד. ער מיינט, אַז עס זענען שוין אין ערגיץ נישטאָ קיין יודישע אותיות אויף דער וועלט.

מיר געהען אַרויס פון ר' שמואל הלוי'ס שוהל און פון זיין הויז, און זענען ווידער אויפ'ן פּלאַץ פון דער אינקוויזיציע, פון די אויטאָ-דאַ-פעס, און איך דערמאָן זיך: אין מאַדריט אין דער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעט האָב איך געבעטען מען זאָל מיר ווייזען די אַרכיוען פון דער אינקוויזיציע, און אַ גלח, „פּאַטער" בעניטאַ פּוענטעס, דער אויפזעהער פון דער אָבטיילונג טראָגט מיר אַרויס אַ בוך, אין וועלכען עס זענען געדרוקט די נעמען פון אַלע יודען וואָס זענען פאַרברענט געוואָרען אויף קידוש השם, אין טאָלעדאָ, איך מיש אויף די ליסטע נעמען, דער ערשטער נאָמען איז: בעאַטריץ לאַפּאַנסאַ, די טאָכטער פון לואיס לאַפּאַנסאַ, אַ שוסטער.

זי איז געווען די ערשטע, וואָס איז פאַרברענט געוואָרען פאַר גאָט'ס וועגען אין טאָלעדאָ, אין יאָהר 1500, אויפ'ן פּלאַץ וואו איך בין איצט געשטאַנען.

און אַזוי ווי יעדער שפּאַניער פריהער, האָב איך איצט זיך געחידושט איבער דער מאָדנער קראַפט פון'ם פאָלק, וואָס די טעכטער פון זיינע שוסטער לאָזען זיך פאַרברענ'ען לעבעדיגערהייט פאַר'ן רעכט אויף פרייען געדאַנק.

וואָס פאַר אַ שווערען געוויסען טאָלעדאָ האָט! און גאַנץ שפּאַניען! אַז איהר דערמאָנט אַ שפּאַניער די אינקוויזיציע, לאָזט ער אַראָפּ די אויגען. מיר האָבען דאָ געטראָפען אַ שפּאַניער, וואָס בעשיט אונז פּשוט מיט גוטסקייט, ער האָט אונז געגעבען צוויי אויטאָמאָבילען, האָט אונז אַלעמען געלאַדען צו מיטאָג, האָט אונז געקויפט יעדען איינעם אַ שאַכטעל שאָקאָלאַד — פאַרוואָס אַזאַ גוטסקייט? קען עס זיין, אַז ער ליידט פון געוויסען און וויל אונז „פאַרגיטיגען"?

און אַז איך האַלט שוין דערביי, וויל איך זיך מודה זיין, אויף אַ מיאוסען געפיהל פון וועלכען איך לייד די גאַנצע צייט, וואָס איך בין אין שפּאַניען: ווען אַ קעלנער דערלאַנגט מיר עסען, קוק איך אויף זיין האַנט און טראַכט:

עס קען זיין, אַז דאָס איז אַ האַנט, אַן'אוראייניקעל פון אַן'אַנדער האַנד, וואָס האָט אונטערגעלייגט דעם פייער צום בינטעל האָלץ, וואָס האָט פאַרברענט מיין אור-זיידען, אָבער עס קען זיין עס איז אַ יודישע האַנד, אין וועלכער מען האָט מיט געוואַלד אַריינגעשטעקט אַ צלם, און ביידע געפיהלען פייניגען.

ה. ליבערמאַן.

וואָס געהערט, וואָס געזעהן.

רבותי, אַן'אוגערקע-סעזאָן, עס איז באמת נישטאָ וואָס צו שרייבען, אויסער אפשר פון קריזיס, וועלכער האָט זיך אַריינגעגעסען אין די ביינער און איז שוין געוואָרען אַלטעגליך, אַזוי, אַז עס ווערט שוין נמאס פון איהם... האָב איך געהאַט אַ שטיקעל „טהועכץ" וועגען די געשעהענישען אַרום דער קהלה, האָט זי זיך אויך שוין כמעט ווי געענדיגט, טאַ שרייב כאָטש וועגען — כ'זאָל אַזוי נישט וויסען פון קיין רעדוקציע, ווי כ'ווייס נישט פון וואָס מען הויבט אָן.

און דאָ וואַרט אַן'עולם לעזער געוואויר צו ווערען עפּעס נייעס און איך זיץ און טראַכט פון וואָס הויבט מען אָן. און דער רעדאַקטאָר איז אויף אורלויב, אַז נישט וואָלט איך זיך שוין אפשר אַ עצה געגעבען... מען מוז דאָך אָבער פאַרטיג מאַכען דעם „שיעור", נו. וועל איך נעבען דאָס, וואָס מען קען געבען בעת דעם אוגערקע-סעזאָן.

דער קאַמף צווישען מאַגיסטראַט און סקאַרב.

יענע וואָך איז צוליעב אַ ליציטאַציע פון וואָלף ליקיער'ס „מעבעל" געקומען שיעור צו אַ אינצידענט צווישען מאַגיסטראַט און סקאַרב.

די מעשה שטעלט זיך פאַר אַזוי: ר' וואָלף איז פון פאַך אַ סטאָליאַר, זיין ווייב חנה, מיט וועלכער ער האָט נישט קיין אַקט שלובני און זי רופט זיך אויפ'ן מיידעלשען נאָמען. ראָטשילד, האַנדעלט מיט קליינינקייטען אין מאַרק און האָט אַ פּאַטענט, האָט דער סקאַרב איהר געמאַכט אַ זאַיענטשע אויפ'ן מעבעל, וואָס בעשטעהט פון אַ אַלט צובראָכען שענקעל, אַ וואַנד-זייגער פון זיידען תרח'ס צייטען, וועלכער דאַרף זיך שוין לאַנג געפינען אין אַ מושב זקנים פון אַלטע אַנטיקען, ווי אויך צוויי צובראָכענע שטוהלען און 2 כמעט נאָך גוטע שטוהלען... ר' וואָלף האָט אפילו געטענה'ט, אַז דאָס מעבעל איז זיין אייגענטום און זיין ווייב האָט נישט דערצו קיין שום שייכות, אָבער זיי, די בעאַמטע, האָבען געמאַכט אַ ליציטאַציע — און פאַרטיג.

פאַרגאַנגענעם פרייטאַג זענען ווידער געקומען בעאַמטע פון מאַגיסטראַט און דאָס זעלבע מעבעל אַרויסגענומען און עס אָבגעפיהרט אין די מאַגיסטראַט-לאַגערען פאַר לאָקאַל-שטייער. ר' וואָלף ווען עס איז געווען צו לאַסט צו האַלטען דאָס ביסעל „בעבעכעס" אין שטוב, איז געווען זעהר צופרידען וואָס ער איז ענדליך פּטור געוואָרען יענעמס פאַרמעגען פון שטוב אַרויס האָט ער פאַר שמחה געוואָלט מאַכען אַ כוסה, נאָר הפנים אַז עס איז איהם נישט בעשערט געווען צו געניסען פון דער פרייד, ווארום אין אַ שעהנעם פריהמאָרגען האָט זיך צו איהם געוואַנדען דער פּשאַדאָווניק פון זיין קוואַרטאַל און זיך געפרעגט אויפ'ן מעבעל, זאָגט ר' וואָלף, אַז דאָס מעבעל האָט מען איהם שוין, דאַנקען גאָט, אַרויסגענומען און יעצט לאַכט ער פון אַלע. ווערט דער פּשאַדאָווניק אין כעס: היתכן? ווי אַזוי האָט ער געקענט דערצו דערלאָזען, אינדערצייט, ווען דער סקאַרב האָט דערויף געמאַכט אַ זאַיענטשע און ער, דער פּשאַדאָווניק, איז דערפאַר פאַראַנטוואָרטליך. אין טורמע וועסטו ביי מיר געהן. ר' וואָלף איז געוואָרען דערשראָקען אויף טויט, וואָס בין איך שולדיג, האָט ער זיך פאַרטיידיגט מיט טרעהרען אין די אויגען, צי האָב איך געוואוסט, אַז דאָס „מעבעל" געהער צום סקאַרב און נישט צום מאַגיסטראַט? איך בין דאָך נישט קיין אינטעליגענט און קען זיך נישט פונאַנדערקלייבען אין די דראַבנע אותיות. מען איז געקומען נעמען, האָב איך געגעבען. איך וועל זיך דאָך, חס ושלום אַלס טרייער בירגער, נישט אַקעגענשטעלען דער מאַכט... אָט דעם קוויט, שלעפּט ר' וואָלף אַרויס אַ פּאַפּיר און ווייזט עס דעם פּשאַדאָווניק, האָבען זיי מיר איבערגעלאָזט. דער פּשאַדאָווניק האָט צוגענומען דעם קוויט און אַוועקגעטראָגען דעם „סקאַרב".

דערווייל דראָהט אַ מלחמה צווישען סקאַרב מיט'ן מאַגיסטראַט און דאָס אַלץ צוליעב ר' וואָלף'ס „אַנטיטשנע" „מעבעל"...

גוט-וואָך יודעלעך...

לעולם מיין איך די גוט-שבת יודעלעך, וואָס לויפען אַרום שבת איבער די הויפען און הויך אויפ'ן קול שרייען זיי: גוט-שבת יודעלעך! און דאָס איז משמע, אַז מען זאָל זיי אַראָבוואַרפען אַ חלה, אַ פּאָר אייער וכדומה, כדי זיי זאָלען עס שפּעטער קענען צוטיילען די הונגעריגע און אָרימע קראַנקע.

זיי בעקלאָגען זיך אפילו, אַז די אַרבייט איז פאַר זיי צו שווער, ווארום זיי מוזען קריכען אויף די טרעפּ אויפ'ן צווייטען און דריטען שטאָק און דאָס נעמט זיי אַוועק צייט און מיה און זיי בעטען טאַקי דורך דער פאַרמיטלונג פון אונזער צייטונג, אַז דער עולם זאָל זיין אַזוי ליבענסווירדיג און ווען זיי הערען דעם אויסגעשריי „גוט שבת יודעלעך", זאָל מען זיי אַראָבברענגען אויפ'ן הויף.

אָט די דאָזיגע גוט-שבת יודעלעך האָבען מיך איינגעלאַדען בייצוואוינען אַזאַ פאַרטיילונג, וואָס קומט פאַר יעדען שבת אָוועגד, ווען מען צינדט אָן ליכט.

איך האָב זיך פאַרקליבען שבת בין השמשות אויף נאַדרזעטשנאַ 26, איך בין אַריין אין אַ שטוב, וואו די שבת-טונקעלקייט האָט געשוועבט אין אַלע ווינקעלעך און אין דער פינסטעניש האָבען זיך געשלייכט שאָטען'ס פון הונגעריגע, וועלכע האָבען געוואַרט ביז מען וועט אָנצינדען אַ ליכט, כדי צו בעקומען די פּאָרציע.

פון דער פינסטערניש רייסט זיך פּלוצים אַרויס אַ פרויען-קול, וועלכעס בעט זיך, אַז מען זאָל איהר געבען די פּאָרציע און ווען מען ענטפערט איהר אַז זי זאָל וואַרטען ביז מען וועט אָנצינדען, צווויינט זי זיך און זאָגט, אַז זי שעמט זיך מען זאָל איהר פּנים אָנקוקען, ווארום אַמאָל, עך אַמאָל, האָט זי געהאַט אַ שטוב, ווער עס איז אַריינגעקומען הונגעריג איז אַרויס זאַט און היינט?... היינט—שלוכצט איהר קול—איז אַנדערש...

די דאָזיגע פרוי האָט איהר פּאָרציע בעקומען אין דער טונקעלקייט פון שבת-קודש'דיגער בין-השמשות... באַלד האָט מען אָבער אָנגעצינדען און עס האָט זיך דערהערט דער גוט-וואָך און איך האָב פאַר מיינע אויגען דערזעהן אַ גאַנצע האַפטע ווייבער און מענער, און דער עיקר קינדער, וועלכע זענען געשטאַנען איינגעהויקערטע און געוואַרט אויף זייערע פּאָרציעס.

אַ גרויל האָט מיך אָנגעכאַפּט אויף דעם בילד, אין האַרצען האָט אָנגעהויבען נאָגען און פאַר די אויגען איז געוואָרען טונקעל. אַזאַ עלענד, אַזאַ הונגער און איך האָב זיך געפיהלט אונבעקוועהם. זאָגענדיג אַ גוטע וואָך, האָב איך אַ פאַרשעהמטער פאַרלאָזט די שטוב פון די גוט-שבת יודעלעך...

ד"ר דוד קאַגאַן.

מעדיצינישע שמועסען.

פעטלייביגקייט און ענטפעטונגס-קוראַציע.

2.

מען דאַרף בעמערקען, אַז עס זענען פערהאַן פיעל קוראַציע-מיטלען, וועלכע פיהרען צו איין און דעמזעלבען צוועק, אָבער די וועגען זענען פערשידען. די מעדיצין-לעהרע געהט אַלץ פאָראויס: זי פערפולקאָמט פון טאָג צו טאָג איהרע אונטערזוכונגס-מעטאָדען; זי דרינגט אַלץ טיעפער און טיעפער אַריין אין די געהיימניסען פון מענשליכען אָרגאַניזם און זיינע פונקציעס; אין צוזאַמענהאַנג דערמיט מוזען זיך אויך זעהר אָפט ענדערען די מיינונגען ווי מען זאָל קוראַציעס אַדורכפיהרען. דער מאָדערנער איצט האָט זיך שוין אָבגעזאָגט פון די שטרענגע כמעט באַרבאַרישע ענטפעטונגס - קוראַציעס. ערשטענס: האָבען זיי זעלטען אַ פּאָזיטיווען רעזולטאַט געגעבען, צווייטענס: זענען זיי געווען פאַלש בעגרינדעט, לויט ווי די אונטערזוכונגען האָבען אַרויסגעוויזען און נישט זעלטען—אפילו שעדליך פאַר'ן אָרגאַניזם. ווען מיר וועלען שפּעטער אַרומרעדען דעם אַלגעמיינעם פּראָבלעם פון ענטפעטונגס-קורען, וועלען מיר זעהען, אַז די דאָזיגע קוראַציעס ווערען איצט אַדורכגעפיהרט אָהן שום שוועריגקייטען און מיט גרויס ערפאָלג.

נאָך אַ לעזערין וואַרפט אונז, דאָקטוירים, פאָר, אַז מיר פערנעהמען זיך נישט ערנסט מיט דעם „שלאַנק-מאָדע"-פּראָבלעם, וועלכער האָט בעקומען זיין בירגערשאַפט נור אַ דאַנק זיין היגיענישען כאַראַקטער. נאָכמעהר: מיר שעצען גרינג די ענטפעטונגס - קוראַציעס ביי פולשטענדיג-געזונטע מענשען, וועלכע ווילען זיך צעהרען – לאָמיר זאָגען: זאָגאַר צוליעב דער מאָדע. די לעזערין בעהט אַרויסצוזאָגען זיך וועגען דער שטעלונג פון'ם אַרצט צו דער שלאַנק-מאָדע-ריכטונג.

מיר, דאָקטוירים, פערגעסען קיינמאָל נישט, אַז די מאָדע רעכענט זיך לחלוטין נישט מיט אונזערע פאָדערונגען. אויב אפילו די מאָדע האָט זיך בעפרייט פון קאָרסעטען, שלעפּ-קליידער און נאָך עהנליכע באַרבאַרישע „מאָדע-מכשירים; אויב זי איז אַרויסגעטראָטען געגען קערפּער-קאָרפּולענץ, ענטגעגענקומענדיג כלומרש'ט אויף אַזאַ אופן דער היגיענע—איז דאָס נאָך נישט קיין בעוויז, אַז די מאָדע וויל ווערען היגיעניש. אויף דער מאָדע קען מען זיך נישט פערלאָזען: זי וועקסעלט איהרע „וועלט - אַנשויאונגען", ווי מען בייט קליידער און וועש. די מאָדע איז אַ קאַפּריז, וועלכען מען גיט ליידער נאָך, נישט בעדענקענדיג זיך.

בעת די מאָדע האָט אָנגעהויבען צו פּראָפּאַגירען די שלאַנקע ליניע, האָט די מעדיצין פון איהר שטאַנדפּונקט אַקצעפּטירט די דאָזיגע ריכטונג און האָט אפילו גענומען אַ וואָרט, ערקלערענדיג וואָס זי פערשטעהט אונטער דעם בעגריף: „שלאַנק": אין קיין פאַל—נישט אַרויסשטאַרענדע ביינער, איינגעפאַלענעם בויך, ווי מען האָט דאָס געקענט בעמערקען ביי די העכסט - מאָדערנע פרויען. מיר האָבען רעקלאַמירט פאַר'ן שלאַנקען קערפּער אַזוי פיעל פעט, וואָס זאָל אין אַ גענוגענדער מאָס בעפעסטיגען די אינערליכע אָרגאַנען; וועלכער זאָל פערררונדען די קערפּער-פאָרמען און עס זאָל נאָך דערביי בלייבען עטוואָס אין רעזערוו צו אויסערגעוועהנליכע אויסגאַבען. אין דעם קולמינאַציאָנס-פונקט פון דער שלאַנק-מאָדע האָבען זיך אָנגעהויבען צו בעווייזען אין אונזערע קאַבינעטען פרויען מיט אַראָבגעלאָזענע מאָגען'ס, געדערים און נירען, וואָס פערורזאַכען קראַנקהייטס-סימפּטאָמען און ערקלערען זיך מיט'ן פערשוואונדען פון פעט. די מעדיצין איז תמיד געוועזען געגען פעטלייביגקייט, אויפווייזענדיג אַלע מאָל די שעדליכקייטען, וואָס זי איז גורם. זי האָט ברייט פּראָפּאַגירט די צעהרונגס-קוראַציעס, אָבער גלייכצייטיג געוועזען געגען דעם, אַז מענשען, וועלכע אַזעלכע קוראַציעס קענען שאַדען זאָלען זיך צעהרען—בפרט מיט כל'ערליי פּילען. די מעדיצין האָט, פערשטעהט זיך, קעמפענדיג מיט שעדליכקייטען פון פעטלייביגקייט, קיינמאָל נישט אין בעטראַכט גענומען די פאָדערונגען פון דער מאָדע. פאַלש איז די מיינונג פון דער לעזערין, אַז די דאָקטוירים שעצען גרינג די „פּאַציענטען", וועלכע ווילען פערלירען אויף דער וואָג אַ פּאָר קילאָ—פון צעהרען קען דאָ, זעלבסטפערשטענדליך, קיין רייד נישט זיין.

מיר שטעהען איצט אויפ'ן שטאַנדפּונקט, אַז אַזוי ווי ספּאָרט און מאָדע פערלאַנגען ביים היינטיגען טאָג שלאַנקע קערפּער-פאָרמען און בעפרייאונג פון איבעריגע פעט, אפילו ווען דאָס איז פאַר'ן אָרגאַניזם נישט שעדליך, דאַרף זיך דער אַרצט פון אַזאַלכע קוראַציעס נישט אָבזאָגען, ווייל אַנדערש קומען אַזעלכע פּאַציענטען נאָך הילף צו כל'ערליי פּאַרטאַטשעס און מעדיצין-שאַרלאַטאַנען, אָדער בענוצען אויך אַלערליי רעקלאַמירטע ענטפעטונגס-פּילען, וועלכע זענען אין גאַנצע הונדערט פּראָצענט שעדליך פאַר'ן אָרגאַניזם. דאָס איז אַלץ געזאָגט, אויב די בעטרעפענדע פּערזאָן איז פולקאָם געזונט—דאַן קען אַ ריכטיג ריין-דיעטעטישע קוראַציע קיין שאָדען נישט ברענגען. אָבער מיר מוזען זיך דורכאויס אָבזאָגען פון אַזעלכע קוראַציעס ביי מענשען, וועלכע זענען נישט איינגאַנצען געזונט, אָדער וועלכע עס דראָהט אַ קראַנקהייט. אַט, צום ביישפּיעל, האָט זיך צו מיר געווענדעט (אויף אַ צעטעלע פון „לינת הצדק") אַ פולשטענדיג געזונטע פרייליין פון 18 יאָהר מיט אַ וואָג, וואָס שטייגט אפשר איבער די נאָרמאַלע מיט צוויי קילאָ, בעטענדיג פעראָרדנען איהר אַ ענטפעטונגס - קוראַציע. זי האָט זיך נאָך פערענטפערט, אַז צוליעב די שווערע צייטען האָט זי געמוזט אָנקומען נאָך מעדיצינישע הילף צו „לינת הצדק" – אַזוי לעבענסוויכטיג זענען פאַר איהר געוועזען אָט די דאָזיגע צוויי קילאָ... נעהמענדיג אין אַכט איהרע יאָהרען, בעת דער אָרגאַניזם פאָדערט פאַר זיין ענטוויקלונג זעהר אַ סך ענערגיע און ערנעהרונגס-שטאָפען—דערצו שטאַמט זי פון אַ לונגען-ליידענדע פאַמיליע, האָב איך איהר געמוזט אָבערעדען און אָבזאָגען פון אַ ענטפעטונגס - קוראַציע. אַזעלכע פאַלען זענען לגמרי נישט זעלטען. נישט איינע ביי אונז אין שטאָדט וועט זיך נאָך מוזען לאַנג קורירען, בעפאָר זי וועט קומען צו זיך נאָך אוננויטיגע און זעלבסט-פאַלש-דורכגעפיהרטע ענטפעטונגס-קוראַציעס.

בעת די לעזערינס אינטערעסירען זיך אַזוי פיעל מיט דער שלאַנק-מאָדע, וועלענדיג בגוואַלד שלאַנק ווערען, מוז איך זיי ברענגען אַ בשורה, אַז די לעצטע מאָדע איז איצט נישט שלאַנק, נור גאָר „פּאָלשלאַנק". עס איז שווער צו זאָגען, וואָס אייגענטליך די מאָדע-געטין פערשטעהט אונטער דעם וואָרט: „פּאָלשלאַנק" און ווי אַזוי מען איז געפאַלען אויף דער דאָזיגער המצאה. די ליצני הדור ערקלערען דאָס ענטשטעהען פון דאָזיגען נייעם קאַפּריז אויף פאָלגענדען אופן: אום צו דערהאַלטען די שלאַנקע פיגור, האָט מען זיך, ווילענדיג נישט ווילענדיג, געמוזט אָבזאָגען פון כל'ערליי זיסקייטען, נאַשערייען, וואָס איז נישט אַזוי לייכט אָנגעקומען דעם שוואַכען געשלעכט. לאַנג האָבען זיי פּאָרט נישט געקענט אויסהאַלטען, פעררעטענדיג אויף אַזאַ אופן אפילו די שטרענגע שלאַנק-מאָדע. די ליניע פון'ם קערפּער האָט אָנגעפאַנגען אַלץ מעהר און מעהר צו פערררונדען זיך—דאָס האָט גורם געווען, אַז די שלאַנק-מאָדע-געטין איז איבער נאַכט פערוואַנדעלט געוואָרען אין „פּאָלשלאַנק". איך האַלט, אַז „פּאָלשלאַנק" איז אַ טרייסט-וואָרט פאַר די, וועלכע קענען ליידער נישט שלאַנק ווערען.

געגען טרייסטען קען די מעדיצין גאָרנישט האָבען – אומגעקעהרט: דאָס טרייסטען שפּיעלט נאָך אין דער מעדיצין אַ גרויסע ראָל.

קלייניגקייטען.

פון ז. האַבער.

אויפ'ן לייפּציגער יריד, וואָס וועט אָבגעהאַלטען ווערען פון 30 אויגוסט ביז'ן 3 סעפּטעמבער וועלען ווידער זיין אויסגעשטעלט טויזענדער זאַכען, צווישען זיי אַלערליי קלייניגקייטען, וועלכע בעווייזען אָבער, אַז די וועלט בעמיהט זיך שטענדיג אויסצוגעפינען עפּיס נייעס און אַלע בעדערפנישען פון'ם טעגליכען לעבען.

עטליכע זאַכען פון די, וואָס וועלען זיין צו זעהען, זענען כדאי דערמאָנט צו ווערען.

עלעקטרישע ראַזיר-אַפּאַראַטען.

פערהאַנען הונדערטער טויזענדער מענשען, וואָס ראַזירען זיך אַליין, עס איז היגיעניש, פּראַקטיש, בעקוועם און ביליגער ווי צו געהן צום פריזירער, אָבער אַממעהרסטען מענשען שניידען זיך ביים ראַזירען און דעריבער געהען זיי שטענדיג אַרום מיט צוקאַלעטשעטע פּנים'ער, אָדער ס'ווערט זיי נמאס און זיי קומען צוריק צום פריזירער. די סבה פון דעם שניידען זיך, ליגט אין אונזערע נערוועז, אונזער האַנד האָט נישט די פעסטקייט שטענדיג גלייך צו פיהרען דאָס מעסער. אַט דריקען מיר אַביסעל פעסטער, אַט אַביסעל שוואַכער, אַט איז עס גלייך און אַט איז עס מיט אַ האַלבען מילימעטער קרום און אַט דער האַלבער מילימעטער מאַכט שוין אויס, אַז מיר שניידען אַריין אין פלייש אָדער מיר נעמען נור מיט די זייף און נישט די האָר פון דער באָרד. איצט וועט מען צום ערשטען מאָל אויסשטעלען אַנ'עלעקטרישען ראַזיר-אַפּאַראַט, פונקט אַזוי ווי די ביזהעריגע אַפּאַראַטען, נור מיט אַנ'עלעקטרישער באַטערי, וועלכע מ'קען צושפּען צו יעדער לאַמפּ. דער אַפּאַראַט מאַכט נישט קיין שום קרומע וועגען. ער געהט גלייך און קען באַין אופן נישט שניידען, ער איז נישט נערוועז און דריקט נישט שטאַרקער און נישט שוואַכער. מיט אַזאַ אַפּאַראַט, וואָס וועט קאָסטען זעהר ביליג, קען זיך יעדער אָהן שום סכנה ראַזירען.

אַ שרייב-מאַשין מיט טויזענד אותיות

פערהאַנען צייטען ביי יעדען מענש, ווען מ'מוז עפּיס שרייבען מיט אַ שרייב-מאַשין, אַ נויטיגער בריעף אָדער אַ פּראָשעניע, אַז צוליעב פערשידענע טעמים געשריבען ווערען מיט אַ מאַשין.

צומאָל העלפט זיך ביי אַ שכן, וואָס פערמאָגט אַ שרייב-מאַשין, אָבער דאָס צווייטע מאָל קוקט דער שכן שוין אַביסעל ברוגז'ליך און ביים דריטען מאָל זאָגט ער, אַז די קינדער האָבען זי נאָר וואָס צובראָכען... אין אַ מאַשין-ביוראָ, וואָס נעמט אויף צו שרייבען, קאָסט עס אַ ממון קורח און מ'האָט עס נישט תמיד צו דער האַנד.

די נייע שרייב-מאַשין, וועלכע וועט איצט זיין אויסגעשטעלט אויפ'ן לייפּציגער יריד וועט שרייבען טויזענד אותיות, דאָס איז ערך אַ זייט פּאַפּיר פאַר בלויז 10 פעניג. מ'וואָרפט אַריין די מטבע פונקט ווי אין אַ אַנדערען אויטאָמאַט און מ'קען דערויף אָבשרייבען אַ גאַנצע זייט פון אַ בויגען פּאַפּיר. האָט מען לענגער צו שרייבען מוז מען אַריינוואַרפען נאָרמאַלע צעהן פעניג. די דאָזיגע אויטאָמאַטישע שרייב-מאַשינען וועלען אויפגעשטעלט ווערען ביי יעדער פּאָסט, אין יעדען טעלעגראַפען-אַמט, קאַפּעע-הייזער, האָטעלען, פעראיינען, בענק, בכלל אומעטום, וואו מענשען קומען זיך צונויף. פאַר די צעהן פעניג וועט די געזעלשאַפט שוין מאַכען רעמאָנטען, אויב ס'וועט נויטיג זיין, וועט קויפען פאַרב-בענדער און אַלץ וואָס די מאַשין דאַרף.

הייסע ווירשטלעך

היינט איז עס שוין מעגליך אומעטום, אין גערטנער און אין בופעטען שנעל צו בעקומען עפּעס צום עסען. אויטאָמאַטען גיבען אַרויס אַלערליי שפּייזען, נור נישט קיין וואַרימע מאכלים. אין לייפּציג וועט מען איצט ווייזען צום ערשטען מאָל אַנ'אויטאָמאַט, וואָס גיט אַרויס וואַרימע ווירשטלעך. אין אַ קעסיל מיט זודענדיג וואַסער ליגען די ווירשטלעך און קאָכען זיך, זענען זיי שוין פאַרטיג, קען מען דעם עלעקטרישען קאָכער אָבדרעהען. ווען מ'וואַרפט אַריין אַ מטבע, פאַלט אַרויס אַ פּאַפּירען טעציל, מיט אַ שטיקעל ברויט און כריין אָדער מושטאַרדע און בשעת דאָס טעציל רוקט זיך אַרויס, הויבט אַ גאָפּעל אַרויס פון זודענדיגען וואַסער אַ פּאָר ווירשטלעך און וואַרפט זיי אויפ'ן טעציל מיט'ן ברויט.

דעם דאָזיגען אייטאָמאַט וועט מען קענען אויסשטעלען אומעטום, וואו עס איז נאָר פערהאַן אַנ'עלעקטרישער לאַמפּ, פון וועלכען מען קען ציהען די היץ אויף צו קאָכען די ווירשטלעך.

לאַמפּען-שירעמס אויס האָלץ

ביז-איצט האָט מען געוואוסט פון לאַמפּען-שירעמס אויס גלאָז, אויס קאַרטאָן אָדער אויס זיידען-שטאָף, דאָס זענען געווען די איינציגע שטאָפען וואָס מ'האָט דערצו געקענט פערווענדען, ווייל די שטאָפען האָבען אַדורכגעלאָזט דאָס ליכט און די לאַמפּ האָט געקענט לייכטען דורכ'ן שירם.

גלאָז איז אָבער לייכט צוברעכען געוואָרען, פּאַפּיר האָט זיך צוריסען און זייד האָט זיך צושיט אויף דינע פעדים, אָדער ס'איז לכל הפחות שטאַרק שמוציג געוואָרען.

יעצט האָט מען אויסגעפונען, אַז גאַנץ דין פאָרנירט האָלץ, לייכט זיך דורך, און אויפ'ן לייפּציגער יריד וועט מען ווייזען צום ערשטען מאָל לאַמפּען-שירעמס אויס האָלץ, וועלכעס מ'קען פערשטעהט זיך אָבוואַשען, ווען מ'וויל, עס ווערט נישט צובראָכען און נישט צוריסען און די מעלה איז נאָך וואָס דורך דעם פאָרניר און די אָדערען פון'ם האָלץ בילדעט אַזאַ שעהן ליכט, אַז מ'ווערט ממש נשתומם ווען מ'זעהט עס. די דאָזיגע ערפינדונג איז מסוגל אַרויסצורופען אַ גרויסע איבערקעהרעניש אין דער פאַבריקאַציע פון לאַמפּען אין דער גאַנצער וועלט.

די צרות רעדען...

„לאָקאַטאָרען און סובלאָקאַטאָרען, אַלע ווי איין מאַן, קומט אויף דעם פּראָטעסט-מיטינג, וואָס קומט פאָר זונטאָג 3 אַ זייגער נאָכמיטאָג אין זאַל פון די פייערלעשער".

אַזאַ אַפיש און אַזעלכע אַנאָנסען האָב איך געלעזען און איך בין געווען זיכער אַז פון די אַנ'ערך 20 טויזענד לאָקאַטאָרען און סובלאָקאַטאָרען, וואָס טשענסטאָכאָוו פערמאָגט, וועט קיין איינער נישט פעהלען, ווארום ווער פון די אַלע ליידט נישט פון דעם וואַסער-בעגליקעניש און פון אַלע אַנדערע בעגליקענישען, נאָר איך האָב געהאַט אַ טעות. דער זאַל איז טאַקי געווען איבערפולט, אָבער עס איז געווען נאָך ווייט צו די צוואַנציג טויזענד...

דערפאַר אָבער האָב איך דאָרט געטראָפען בעקאַנטע פּנים'ער פון לאָקאַטאָרען, וועלכע זענען געווען ביי מיר זיך בעראַטען, וואָס זאָלען זיי טהון – די בעלי-בתים האָבען אויף זיי עקסמיסיעס און ליאַדע טאָג וועט מען זיי אַרויסוואַרפען אויף דער גאַס, זענען זיי דאָס געקומען אויף דער פערזאַמלונג און האָבען געמיינט, אַז אָט-אָט וועלען זיי געהאָלפען ווערען...

און ווי עס ווייזט אויס זענען זיי נישט געווען קיין יחידים, ווארום בעת מען האָט גערעדט וועגען די אויפגאַבען פון לאָקאַטאָרען-פעראיין און די פּראָיעקטען וועגען אויפבויען הייזער, האָבען זיך געהערט איראָנישע בעמערקונגען פול מיט גאַל פון די פערזאַמעלטע, אַז זיי ווילען נישט טראַכטען אויף יאָהרען. זיי ווילען, אַז מען זאָל זיי היינט געבען וואוינונגען און אַרבייט, כדי צו קענען בעצאָהלען פאַר'ן דירה-געלד און פאַר דעם פערשאָלטענעם וואַסער און קאַנאַלען.

די אָרגאַניזאַטאָרען פון מיטינג האָבען זיך געפיהלט אין אַ זעהר נישט-בעקוועהמער לאַגע. אָט קומען זיי מיט רעאַלע פּראָיעקטען, זיי ווילען קומען דער רעגירונג צו הילף, כדי דאָס לאַנד אויפצובויען און שאַפען בעקוועהמליכקייט פאַר די בירגער און דער עולם גאָר מורמעלט, נאָר מען דאַרף זיי נישט האָבען פעראיבעל, ווארום לעולם זענען די אַלע מסכים מיט די אויספיהרונגען פון די רעדנער, אלא וואָס דען האָבען זיי געשטערט און גערעדט נאַרישקייטען? איז דער תירוץ אַז נישט זיי האָבען גערעדט, נאָר די צרות, די צרות פון דירה-מאַנגעל, וואַסער-בעלאַסטונג און אַנדערע „בעקוועהמליכקייטען" האָט פון זיי אַרויסגערעדט. יאָ, די צרות רעדען...

אַז דאָס איז נישט קיין יודיש טעאַטער...

די יודישע טרופּע מיט ד"ר פּאָול באַראַטאָוו, וועלכע האָט ביי אונז געגעבען גאַנצע 6 פאָרשטעלונגען איז אַ דאַנק זייער גלענצענדער לייסטונג אויפגענומען געוואָרען פון בעסערען יודישען טעאַטער-עולם מיט בעגייסטערונג. די פאָרשטעלונגען זענען טראָץ דעם שרעקליכען קריזיס צאָהלרייך בעזוכט געוואָרען.

מיט וואָס ערקלערט זיך אייגענטליך דער גרויסער ערפאָלג? איז דער תירוץ—באַראַטאָוו, דער גרויסער אונפערגלייכליכער קינסטלער האָט אין זיך דעם כח צו שפּאַנען דאָס פּובליקום, אַזוי אַז ווען דער זאַל איז געווען איבערפולט, האָט מען בעת דעם שפּיעלען אפילו קיין שאָרך נישט געהערט כאָטש צווישען אונז זאָל עס בלייבען בלייבט זיך נאָך איבער גענוג צו ווינשען, אַז דאָס יודישע טעאַטער-פּובליקום זאָל זיך אַביסעל קולטורעלער פערהאַלטען אין טעאַטער, נישט ריקען מיט די בענקלעך און דער עיקר – יעדער זאָל זיצען אויף זיין פּלאַץ.

אויב ביי די לעצטע פאָרשטעלונגען איז נאָך די אַלע דעפעקטען געווען דאָך צו דערליידען, איז עס נאָר אַ דאַנק באַראַטאָוו'ן, וואָס האָט געצווינגען אפילו דאָס יודישע פּובליקום זיך צו האַלטען אין די ראַהמען, אַזוי אַז מען האָט שיעור פערגעסען, אַז עס איז אַ יודיש טעאַטער...

און נאָך האָט באַראַטאָוו „געזינדיגט" געגען די אָנגענומענע פאָרמען, וואָס מיר זענען געוואוינט צו זעהען אין יודישען טעאַטער, נעמליך: די פאָרשטעלונגען האָבען זיך אָנגעהויבען צום בעשטימטען טערמין, פונקטליך 9 אַ זייגער—דעריבער איז דער עולם געווען אַביסעל אונצופרידען. מען איז געקומען ווי תמיד, האַלב צעהן, אָדער נאָך שפּעטער, האָבען זיי געטראָפען נאָכ'ן ערשטען אַקט. און דעריבער האָט דער עולם טאַקע געמורמעלט, אַז – דאָס איז נישט קיין יודיש טעאַטער. .

דער שווער וויל נישט געהן צום דין-תורה מיט'ן איידעם.

„בעשרייבט איהם מיין שווער, וועלכער וויל נישט געהן מיט מיר צום דין-תורה, זאָל ער זיך כאָטש שעהמען פאַר לייטען".

מיט אַזאַ טענה איז געקומען צו מיר אונזער'ס אַ לעזער.

– וועגען וואָס האַנדעלט זיך? פרעג איך איהם – און אָט וואָס ער האָט מיר געענטפערט:

אויף נאַדרזשעטשנאַ גאַס וואוינט ער, מיין שווערער שווער, ר' יצחק ב. הייסט ער, האָבען מיר געהאַנדעלט שותפות און פערדינט עטליכע הונדערט זלאָטעס, איז געקומען צום אָבערעכנען זיך, וויל ער מיר נישט געבען מיין חלק. האָב איך צו איהם געשיקט זיין טאָכטער – מיין ווייב הייסט עס מיט אַ טענה: היתכן? פאַר וואָס בעצאָהלסטו מיר נישט וואָס מיר קומט? מאַכט ער זיך טויב, בין איך דאַן אַוועק צו איהם מיט אַ געוואַלט: גזלן – האָב איך געשריגען – ווי קאָן מען האַנדלען געגען אַ אייגענער טאָכטער אַזוי באַרבאַריש, האָט ער מיר געענטפערט, אַז אויב ער האָט נישט מורא געהאַט פאַר פרעמדע, ווי למשל פאַר די קריסטליכע פירמע ב–קי, וועט ער גאָר מורא האָבען פאַר אַנ'אייגענעם איידעם, און האָט מיר נישט געוואָלט געבען מיין פערהאָרעוועט געלט. האָב איך איהם געשיקט מענשען, פרעמדע מענשען וואָס האָבען נישט געקאָנט צוקוקען מיין עולה, האָט ער זיי אַרויסגעוואָרפען און זיי גוט אָנגעזידעלט. האָב איך איהם גערופען לדין, האָט ער געשיקט, אוי וועה איז מיר, די שוויגער, וועלכע האָט געמאַכט קולות ביים בית-דין, אַזוי ווי מען וואָלט זי געקוילעט, בעהט איך מיך ביי איהם: זאָל דער שווער קומען צום דין-תורה, ממה-נפשך, אפשר איז ער גערעכט, וויל ער בשום אופ'ן נישט קומען, ער האָט – זאָגט ער נישט קיין דין-תורה מיט אייגענע קינדער, עס פּאַסט נישט פאַר לייטען, טענה איך דאָך, אַז עס פּאַסט נישט פאַר לייטען, טאָ פאַר וואָס בעצאָהלט איר מיר נישט מיין געלט, וויל ער מיר נישט ענטפערען.

לכן – בעהט איך אייך שרייבט וועגען דעם אין דער צייטונג, אפשר וועט דאָס העלפען, כאָטש איך צווייפעל שטאַרק אויב עס איז דאָ אַ מיטעל וואָס זאָל אויף איהם ווירקען.

– טהו איך צוליעב דעם איידעם און שרייב: וועגען אַ שווער, וואָס וויל נישט האָבען קיין דין-תורה מיט זיין טאָכטער און איידעם...

לויתן.

די שוועגערין פון דעם רוסישען צאר ניקאליי דעם צווייטען, קלאגט אן די פוילישע רעגירונג — אין טשענסטאכאווער קרייז-געריכט וועגען א רייהע גיטער אין דער ווערט פון איבער 10 מיליאן זלאטעס.

די טעג האט געווילט אין ווארשא די אלמנה נאכ׳ן גרויספירשט מיכאאיל ראמאנאוו, די שוועגערין פון דעם ערמארדעטען רוסישען צאר ניקאליי דער צווייטער—די גרעפין בראסאוו.

די גרעפין איז געקומען אין צוזאמענהאנג מיט דעם פראצעס, וואס ווערט פון איהר געפיהרט געגען דעם מלוכה-אוצר וועגען אבגעבען איהר 4 גיטער, וואס געפונען זיך ביי טשענסטאכאוו.

כדי ווי נעהעריג צו בעלויכטען די גאנצע זאך מוזען מיר א קוק טהון אויף א פאר צעהנדלינג יאהר צוריק.

אין די 90-ער יאהרען פון פערגאנגענעם יאהרהונדערט האט דער צאר אלעקסאנדער דער 3-טער געווילט אין דער אומגעגענד פון טשענסטאכאוו און דאן אבגעקויפט פון איינעם פון די דייטשע קאלאניסטען א פאר גרויסע גיטער פאר א היבשע סומע.

נאך זיין טויט זענען די גיטער איבערגעגאנגען בירושה צו ביידע זיהן, אזוי אבער ווי איינער, וועלכער האט בעקומען די קרוין האט זיך פון דער ירושה אבגעזאגט לטובת זיין ברודער, איז אויסגעקומען, אז פאקטישער יורש פון די גיטער איז געוועזען דער פירשט מיכאאיל.

דערווייל האט זיך דער פירשט פערליבט אין א פרוי פון איינעם פון די קיראסיר-אפיצירען פרוי וואולפערד מיט וועלכער ער האט שפעטער געגען ווילען פון זיין גאנצער פאמיליע חתונה געהאט. דאס האט געבראכט דערצו, אז ער האט פערלוירען זיין פירשטשטוהל און ער איז געווארען בלויז א פריוואטע פערזאן און אייגענטימער פון די 4 גיטער ביי טשענסטאכאוו.

נאכ׳ן קריעג-אויסברוך איז ער צוריקגעפאהרען קיין רוסלאנד, וואו ער האט צוריק בעקומען דעם טיטול גרויספירשט.

דערווייל האבען זיך די געשעהענישען אין רוסלאנד גאנץ ראש ענטוויקעלט, אזוי, אז דער קייזער האט אבדיקירט און איהם, דעם גרויספירשט איבערגעגעבען די הערשאפט אין לאנד.

היות דאס האט געזאלט נאך בעשטעטיגט ווערען דורך דער רוסישער קאנסטיטואנטע און אין מיטען איז דערווייל אויסגעבראכען די באלשעוויסטישע איבערקעהרעניש, איז דער גרויספירשט פאר׳ן איבערנעמען דעם טראהן דערמארדעט געווארען.

די איבערגעבליבענע פרוי, וועלכע איז דורך דער פאמיליע אלס אזעלכע נישט פערערכענט געווארען און האט דעריבער געטראגען איהר אנדערן נאמען גרעפין בראסאוו, איז אין דער צייט ענטלאפען פון רוסלאנד צוזאמען מיט איהר יונגען זוהן און אנגעקומען קיין פאריז.

נאכדעם ווי זי איז אנגעקומען קיין פאריז האט זי זיך אנגעהויבען צו פעראינטערעסירען מיט איהרע גיטער ביי טשענסטאכאוו.

זי האט אבער אנגעטראפען אויף גרויסע שוועריגקייטען, ווארום דער ריגער טראקטאט פון יאהר 1921 האט אנערקענט אלע גיטער פון דעם געוועזענעם צארישען הויז דער פוילישער מלוכה, זי האט זיך אבער פאר דעם נישט אבגעשטעלט און ווייטער אונטערגענומען שריט מיט׳ן צוועק צו ווערען די יורש׳טע פון די דאזיגע גיטער אנווייזענדיג, אז דער פירשט מיכאאיל איז געשטארבען אין 1918 און דעריבער איז זי צוזאמען מיט איהר זוהן, פון דאמאלס אן זיינע פריוואטע יורשים, אזוי אז דער ריגער טראקטאט קען נישט האבען צו דער דאזיגער זאך גאר צו זאגען.

צוליעב דעם וואס אין דער ערשטער רייהע איז איהר נויטיג געוועזען דער אקט וועגען טויט פון דערמאהנטען פירשט, האט זי זיך דאריבער געוואנדען אין יאהר 1929 צו דעם קרייז-געריכט אין ווארשא, וואו זי האט צוגעשטעלט וועגען דעם א רייהע עדות און צום סוף ארויסבעקומען דעם טויטבעשייניגונגס-אקט.

דאן האט זי נישט האבענדיג קיין מיטלען דעם פראצעס צו פיהרען, זיך געוואנדען אין טשענסטאכאווער קרייז-געריכט, וועגען בעפרייען זי פון געריכטס - אבצאהלען פון דעם דאזיגען פראצעס, צוליעב איהר ארימקייט, דאס היגע געריכט האט איהר ביטע דאן אבגעווארפען, זי האט זיך דאריבער געוואנדען א צווייט מאל צום ווארשאווער אפעלאציאנס-געריכט, וועלכעס האט איהר די דאזיגע רעכט אנערקענט און זי בעפרייט פונ׳ם אבצאהל פון געריכטס-קאסטען, וועלכע האבען בעטראפען איבער 55 טויזענד זלאטעס.

מיט איינינע טעג צוריק האט די דערמאהנטע גרעפין בראסאוו אריינגעטראגען אין טשענסטאכאווער קרייזגעריכט די אנקלאגע וועגען איהר אומקעהרען די 4 גיטער, וועלכע ווערען געשאצט אויף א סומע פון 10—15 מיליאן זלאטעס.

אין נאמען פון דער קלאגערין טרעט ארויס אין פראצעס דער געוועזענער שאמבעלאן פון רוסישען הויף—בארינקאוו, דער רעכט-בעפולמעכטיגטער פון דער גרעפין איז געווארען אדוו. באגוצקי, דער וויצע-מארשאלעק פון סענאט, מיטגליד פון סאנאטארען-קלוב פון ב. ב.

ווי געזאגט איז דער פאקטישער יורש פון די אלע גיטער איהר זוהן יערזי, מיט וועלכען זי האט געוואוינט לעצטענ׳ס אין פאריז.

דער דאזיגער זוהן יערזי האט מיט צוויי יאהר צוריק געענדיגט די מיטעל-שולע און איז אריין אין אוניווערזיטעט.

די איבערגעבליבענע פון אמאליגען רוסישען הויף, וואס לעבען אין פראנקרייך בעציהען זיך ווייטער צו דער גרעפין מיט פעראכטונג, און ווילען זי ווייטער נישט אנערקענען אלס שותפ׳טע פון דער קייזערליכער פאמיליע.

די מיטלען פון וועלכע זי האלט זיך אויס זענען בעגרעניצטע, בלויז דער ענגלישער קעניג, אלס געוועזענער פריינד פון רוסישען הויף ערטיילט איהר הילף און צאהלט איהר כסדר א קליינע פענסיע.

לעצטענ׳ס איז אבער געשעהן א פארפאל, וואס קען האבען א גרויסע ווירקונג אויף דעם אויסגאנג פון פראצעס. דער דערמאהנטער זוהן יערזי, דער איינציגער פאקטישער יורש פון די פערבליבענע גיטער, איז מיט איינינע טעג צוריק, געהענדיג אין פאריז אין גאס, איבערגעפאהרען געווארען דורך אנ׳אויטא און איז באלד געשטארבען, אזוי אז די שאנסען פון דער גרעפין, זענען כמעט ווי פערשוואונדען.

יעדענפאלס וועט דער העכסט-אינטערעסאנטער פראצעס אין קורצען בעטראכט ווערען דורכ׳ן היגען קרייז-געריכט.

אויפ׳ן טויטען בעט אבגע׳גט דאס ווייב צום דריטען מאל.

(פון די טשענסטאכאווער גט-מעשה׳לעך.)

פערגאנגענע וואך האט מען אלארמירט דעם היגען ראבינאט וועגען א גט פאר א שכב-מרע, וועלכער האלט ביי גסיסה.

די בית-דין שטוב איז געווארען אנגעפולט מיט אזעלכע קולות און געוואלדען, אז איידער דער דיין האט נאך רעכט פערשטאנען וועגען וואס עס האנדעלט זיך, איז שוין דער סופר מיט די עדות, מיט׳ן גאנצען קלאפער-געצייג געווען גרייט צו דער ארבייט...

די מעשה שטעלט זיך פאר אזוי:

אויף גארנצארסקא גאס 64 האט געוואוינט דאס פארפאלק ישראל ק. מיט זיין ווייב טעלצע, ביידע צו 27 יאהר, וועלכע האבען חתונה געהאט צום ערשטען מאל אין יאהר 1930. דאס צוזאמענלעבען איז אבער נישט געוועזען קיין גליקליכעס און א פאר חדשים נאך דער חתונה האבען זיי זיך גע׳גט. עס זענען אוועק סך-הכל עטליכע וואכען און זיי האבען צוריק חתונה געהאט, אבער נאך 4 חדשים צוזאמענוואוינען האבען זיי צום צווייטען מאל זיך גע׳גט און וויעדער האט דאס פארפאלק אין עטליכע וואכען ארום חתונה געהאט.

לעצטענ׳ס האט ישראל׳קע, וועלכער איז געווען פון פאך א שלאסער, זיך פערקיהלט ביי דער ארבייט און ער איז קראנק געווארען אויף די לונגען. זיין קראנקהייט האט זיך וואס אמאל אלץ מעהר פערערגערט, אזוי אז דער טויט איז געווען אונפערמיידליך און היות ווי קיין קינדער האבען זיי נישט געהאט, וואלט דאך טעלצען אויסגעקומען צו נעמען חליצה—און ישראלקעס איינציגער ברודער געפונט זיך אין אמעריקא. דעריבער איז טאקי די מוטער פון זיין ווייב געקומען צו לויפען אין ראבינאט אריין, אז מען זאל זיך דערבארימען און שרייבען א גט, און דאס וואס שנעלער, כדי זי זאל נישט בלייבען קיין חליצה.

דאס בוידעם-שטיבעל אויף גארנצארסקא גאס איז איבערפולט פון מענשען. עס האט זיך פערזאמעלט די משפחה פון ביידע צדדים, שכנים און סתם נייגיריגע. דער קראנקער אטעמט שווער און קוקט זיך צו צו דער צערעמאניע. דער סופר הויבט אן שרייבען דעם גט און דער פרוי׳ס פאמיליע האלט אין איין יאגען דעם סופר, אז ער זאל וואס שנעלער דעם גט פערענדיגען.

די קרובים בעטען דעם דיין, אז ביז דער גט וועט פערטיג ווערען זאל ער דערווייל רעדען כסדר צום קראנקען, כדי אזוי-ארום—זאגען זיי—צו דערהאלטען איהם ביים לעבען. דער דיין קומט טאקי נאך זייער בקשה. אינמיטען אבער געהט דער דיין אוועק פון קראנקעןבעט, כדי זיך צוצוקוקען צום גט, הויבען דעם ווייב׳ס קרובים אן צו שרייען, אז ער זאל תיכף צוריקקעהרען צום חולה. ווייל אנדערש הויכט יענער שוין אויס די נשמה.

פלוצלונג, ווען מען האט געהאלטען ביים שרייבען די פיערטע שורה, איז דער קראנקער שוואך געווארען און זיך אויסגעדרעהט צו דער וואנד, האבען זיי געמיינט, אז אט-אט שטארבט ער אוועק, האט זיך געמאכט א געוואלד מיט א געשריי צום דיין, אז ער זאל זיך דערבארימען און שוין געבען דעם גט, און ווען מען האט זיי ערקלערט, אז דער גט האט ערשט דאמאלס זיין בעדייטונג ווען ער איז אינגאנצען פערטיג, האט דער צולם זיי בעשיט מיט געשרייען: רוצחים, גזלנים! גיט אהער דעם גט כל זמן עס איז נאך צייט, וועט איהר שפעטער דאס איבריגע צושרייבען...

עס איז אבער געשעהן א „נס", דעם קראנקען איז אביסעל בעסער געווארען, דער סופר מיט די עדות האבען פערענדיגט דעם גט און דער גוסס׳דיגער ישראל׳קע שלאסער האט אויפ׳ן טויטען-בעט אבגע׳גט זיין ווייב צום דריטען מאל. טעלצע איז אלזא, אנשטאט אנ׳אלמנה, וואס וואלט געדארפט נעמען חליצה, געווארען א גרושה.

— — —

אויף צומארגענ׳ס האט ישראל׳קע שלאסער אויסגעהויכט זיין נשמה.

שמעלקע

פעטע מענשען קענען דורך א געוויסענהאפטען געברויך פון נאטירליכען ביטער-וואסער Franciszka Józefa בעקומען א לייכטען שטוהלגאנג.

„התקן עצמך בפרוזדור כדי שתכנס לטרקלין".

א אונפערשטענדליכע ערשיינונג קומט פאר יעדעס יאהר בעת די ימים-נוראים אין דער נייער סינאגאגע: כמעט אלע מענער און פרויען-שטעדט זענען פערנומען דורך די מתפללים און די איינקונפטען פון די שטעדט (די איינציגע הכנסה) זענען זעהר קנאפע. די גרעסטע טייל בילעטען בלייבען „איבער׳ן האלז", נישט פערקויפט, ווייל א גרויסער טייל מתפללים שמוגעלט זיך אריין אין דער סינאגאגע אהן בילעטען.

ס׳איז שווער צו פערשטעהן די פסיכיק פון מענשען, ווי אזוי איז דאס מעגליך צו געהן אין א סינאגאגע מיט דער כונה צו דאווענען, צו פערגיסען דאס פערביטערטע הארץ פון רבש"ע מיט תפלות ובקשות און נאך דערצו אין ראש-השנה און יום-כפור, און גלייכצייטיג אויסנוצען די שוהל מאטעריעל, נישט בעצאהלענדיג פאר דעם איינגאנגס-בילעט וואס עס איז א חוב קדוש אויסצוקויפען, און וואס איז די איינציגע הכנסה פון דעם הייליגען געבעט-הויז, ריין הקדש-געלד, וועלכעס אונטערליגט פערשידענע דינים און הלכות און וועלכעס טאר דורך קייגעם נישט געגנב׳עט ווערען.

אונווילליג קומען אויפ׳ן געדאנק די הייליגע ווערטער פון דעם גרויסען נביא: כי תבואו לראות פני וכו׳.

ווי איז געדרינגען, אז א יוד מעג זיך אריינגנב׳ענען אין א מקום תפלה אין דער צייט, ווען ס׳איז אנגענומען א תקנה צו בעצאהלען פאר׳ן איינגאנג, וואס געהט אויף די נויטיגסטע בעדערפנישען פון בית-הכנסת?

זאל זיך יעדער אויף דער פראגע אליין ענטפערען. זאל זיך יעדער בעצייטענ׳ס פארברייטען אריינצוקומען אין דער נייער סינאגאגע דאווענען אהן עולה, אהן גזלה פאר דעם הייליגען ארט, בפרט ווען די איינגאנגס-בילעטען זענען זעהר ביליג און צוגעפאסט צו דער הייניגער שווערער צייט.

התקן עצמך בפרוזדור וכו׳.



פערבייגעהענדיג.

צום שאנד-סלופ...

ווער געדענקט נישט די אמאליגע טיכטיגע ארבייט פון די פראפעסיאנעלע ארבייטער-פעראיינען און בכלל די ערציהערישע ארבייט פון די פערשידענע פאליטישע ארבייטער-ארגאניזאציעס, און היינט? היינט זענען זיי אויך טעטיג מיט — שטעלען איינער דעם אנדערען צום שאנד-סלופ.

איבערהויפט שטעלען זיך צו די „שאנד-סלופעס" די לעדער-ארבייטער, און היות ווי דאס שוסטער-פאך ליגט טיעף אין דער אדמה בעגראבען זיך די שוסטער-ארבייטער נאך טיעפער מיט זייערע פאשקווילען אין דעמאראליזאטארישע אויפרופען.

די שוסטער בעלי-בתים, וועמען עס איז היינט אויך נישט פויגעלדיג קוקען זיך צו צום שפיעל און אין זייערע צרות לאכען זיי פון דער דאזיגער שאנד-סלופ מלחמה, וואס קומט פאר צווישען זייערע ארבייטער.

אט שטעלען עטליכע צעהנדלינג ארבייטער, וואס זענען אין דער אפאזיציע (צוליעב וואס?) א געוויסען אונבעפלעקטען ארבייטער - טהוער צום שאנד-סלופ (פאר וועלכע חטאים?) קומען צו געהן אנדערע צעהנדלינגער ארבייטער און לאזען ארויס א צווייט בלעטיל, וואו עס ווערען ארויסגעשטעלט צום שאנד-סלופ די יעניגע, וואס האבען אונטערגעשריבען דאס ערשטע שאנד-סלופ בלעטיל. נישטא וואס צו רעדען, דער יודישער ארבייטער, איבערהויפט דער לעדער-ארבייטער, וואס האט זיך אלע מאל גערעכענט פאר דעם בעוואוסטזיניגען טייל פון דער יודישער ארבייטערשאפט, מעג זיין שטאלץ פון זיין ערציהערישער ארבייט.

איך מיין, אז אייך אלע דארף מען שטעלען צום שאנד-סלופ!

נידער מיט דער קולטור...

אויך אין די פראווינץ - שטעדטלעך געהט א הייליגע מלחמה צו פערכאפען די קולטור.

אט שרייבט מען אונז פון קלאבוצק:

די ארטיגע „התאחדות"-ארגאניזאציע האט ארויסגעשיקט איהר דראמאטישע סעקציע קיין דזיאלאשין, כדי דארט צו געבען א פארציע קולטור און אויפגעשפיעלט דאס העכסט-דראמאטישע שטיק „איציקל וויל חתונה האבען", האבען עס די דזיאלאשינער קולטור - קענער נישט אויפגענומען מיט בעגייסטערונג, פערקעהרט, זיי האבען נאך געוואגט צו קריטיקירען עטליכע שפילער פאר זייער נישט-געהויבענער „קונסט", האבען זיך די קלאבוצקער געשוואוירען נקמה און באלד איז זיי אונטערגעקומען די נקמה אויסצופיהרען.

די דזיאלאשינער דראמאטישע סעקציע האט אלס רעוואנזש געגעבען דעם פערגאנגענעם זונטאג א פארשטעלונג אין קלאבוצק „די שווארצע חופה".

די פארשטעלונג האט אראנזשירט די „בילדונגס - געזעלשאפט", האט זיך דער „התאחדות" ארגאניזירט און זיך אוועקגעשטעלט פאר׳ן טעאטער און נישט געלאזט קיינעם געהן אין טעאטער אריין. און אויב דאס איז געווען ווייניג האט מען נאך איינגעארדענט א „ריזינע" דעמאנסטראציע און אין דער לופט האבען אבגעקלינגען די העכסטאויפברויזענדע אויסרופען: נידער מיט דער קולטור! א שווארצע חופה זאל מען זיי מאכען! ערשט די קלאבוצקער פאליציי האט צויאגט די „קולטורעלע" קלאבוצקער יוגענד, מאכענדיג זיי פראטאקאלען פאר שטערען די עפענטליכע רוה.

ווי געפעלט אייך אזא קולטור?

אוי, ס׳איז נישט גוט...

טרעפט מיך די טעג פאר׳ן מאגיסטראט א יוד, א סוחר, וואס גיט אויף ראטעס און זאגט: נישט גוט! אט איצט האב איך זיך איבערצייגט, אז איך בין פערלוירען, אז מיין פערמעגען איז צורונען...

פרעג איך דאך איהם: וואס הייסט דאס?

נעמט ער מיך אן פאר דער האנד, פיהרט מיך צו א „אגענט", וואס שטעהט פאר׳ן מאגיסטראט, וואו מען גיט ארויס קוויטלעך אויף אומזיסטע מיטאגען און זאגט מיר: זעהסטו די דאזיגע קוויטעל - נעמער. אט דאס זענען דאך מיינע קליענטען, וועמען איך האב פערטיילט מיין פערמעגען און זיי דארפען מיר דאס צאהלען מיינע ראטעס...

כ׳האב געהאלפען מיטזיפצען מיין סוחר און אהן שום ווערטער זיך מיט איהם געזעגענט...

איידעלקייט

אויך היינט אין דער צייט פון דעמאראליזאציע און עגאאיזם טרעפט מען איידעלע מענשען מיט איידעלקייט אין זייער כאראקטער. אמת, עס זענען פערהאן איינצעלנע פאלען, און אט טאקי דערפאר וויל איך אייך דאס דערצעהלען:

אין דער צווייטער אלעע ביי א שויפענסטער פון שפיעלצייג שטעהען יודישע קינדער און בעטראכטען די ארויסגעשטעלטע שפיעלצייג און בעוואונדערען די מכשירים, רופט זיך אן איין יונגעל צום אנדערן: זעהסט, משה׳לע, ווי שעהן עס זענען די פידעלעך! און די אויגעלעך פון די קינדער חלש׳ן פשוט נאך אזא פידעלע און אין זייער קינדעריש מוח׳ל צושפיעלט זיך די פאנטאזיע — ווי גוט וואלט געווען, ווען זיי וואלטען געקענט דערגרייכען צו אזא גליק, צו האבן אזא פידעלע.

ביי דעם זעלבען פענסטער איז גראד געשטאנען א פערקייפער, א קריסט, וועלכער האט געהערט זייער געשפרעך, כאטש ער האט נישט פערשטאנען זייער לשון, אבער אין דער מימיק האט ער זיך אנגעשטויטען אין וואס דא האנדעלט זיך, איז ער אריין אין געשעפט און ברענגט ארויס אזעלכע צוויי „ארגאנקעלעך" און גיט עס אוועק די צוויי קינדער. די קינדער זענען געבליבען שטעהן פערבליפט, זיי האבען לכתחלה נישט פערשטאנען וועגען וואס עס האנדעלט זיך, נאר דער קריסט האט צו זיי אזוי העפליך גערעדט און זיי ממש געבעטען, אז זיי זאלען צונעמען ביי איהם די מתנה, די קינדער זענען פאר גרויס שמחה געבליבען שטעהן און האבען פאר שטארקער איבערראשונג נישט געקענט ארויסרעדען קיין ווארט, ערשט שפעטער, ווען דער איידעלער קריסט איז אוועק, האט זיך איין יונגעל דערמאנט און נאכגעשריגען: „דזיענקויען".

איך בין געווען פעראינטערעסירט ווער עס איז געווען דער איידעלער מענש און איך בין געוואויר געווארען, אז דאס איז דער דירעקטאר פון די „פעלצערס", ה׳ רעדער, א פראנצויז.

סמאל.

די פרעזידיום-וואהלען צו דער קהלה-פערוואלטונג נאך נישט בעשטעטיגט.

ש. גאלדשטיין זיך אבגעזאגט פון פרעזעס=אמט.

נישט קוקענדיג דערויף, וואס די פרעזידיום-וואהלען צו דער קהלה-פערוואלטונג זענען פארגעקומען מיט 10 טעג צוריק, זענען זיי נאך ביז היינט דורך דער סטאראסטווע נישט בעשטעטיגט געווארען.

דערווייל אבער, ווי מיר דערוויסען זיך, האט ה׳ שמואל גאלדשטיין, וועלכער איז ביי די לעצטע וואהלען ווידער אויסגעוועהלט געווארען אלס פרעזעס און דעם דאזיגען אמט געהאט אנגענומען — צוגעשיקט פויריגען פרייטאג א בריעף אין סטאראסטווע, אין וועלכען ער רעזיגנירט אלס פרעזעס.

וואסערע מאטיוועו עס האבען בעוואויגען דעם ה׳ גאלדשטיין צו רעזיגנירען אלס פרעזעס נאכדעם ווי ער האט אויף דער לעצטער פערוואלטונגס-זיצונג מסכים געווען אויפ׳ן דאזיגען אמט, איז פארלויפיג נישט בעוואוסט

מיר וועלען זיך נאך צו דעם ענין אומקעהרען.

דער פראטעסט=מיטינג פון די לאקאטארען.

זונטאג, דעם 2 ד. ח. איז אין פייערלעשער-זאל פארגעקומען א פראטעסט-מיטינג ביי דער אנוועזענהייט פון קרוב 600 פערזאן, וועלכער איז איינגעארדענט געווארען דורכ׳ן לאקאטארען-פעראיין.

דעם מיטינג עפענט פרעזעס פאגעלבוים, וועלכער פיהרט גלייכצייטיג דעם פארזיץ. ער בעריהרט די אנגעוועהטאגטע פראגע פון העכערען דאס דירה געלד, אונטערשטרייכענדיג, אז די לאקאטארען דארפען צו וואכען איבער די אינטערעסען און דאס קענען זיי דורכפיהרען פערשטארקענדיג און פערפיעלפאכענדיג דעם לאקאטארען-פעראיין.

ער לאדעט איין אין פרעזידיום די דעלעגאטען פון דער צענטראלע: פרעז. זאכטשינסקי און ה׳ גראמס, ווי אויך די ה״ה סס. וויינבערג, בלוישטיין, אפל. נ. ראזענשטיין.

פרעז. זאכטשינסקי רעדט וועגען דער וויכטיגקייט און נויטווענדיגקייט פון דער לאקאטארען-ארגאניזאציע, ווייל א דאנק דער מיה פון דער דאזיגער ארגאניזאציע איז געלונגען צו איבערצייגען די קאמפעטענטע פאקטארען וועגען דער אונדערלאזבארקייט פון העכערן דאס דירה-געלד.

ה׳ מושאל רעדט וועגען דעם הויכען אבצאהל פאר וואסער און קאנאלען, פאר וועלכען מען דארף צאהלען פאר דעם פאקטיש - פערנוצטען וואסער און נישט לויט אנדערע סיסטעמען.

אפל. ראזענשטיין פיהרט אדורך א גרונדליכע יורידישע אנאליז פון די רעכטליכע פארשריפטען, וועלכע נארמירען דעם אופן פון איינמאהנען און די הויך פון דעם אבצאהל פאר וואסער און קאנאליזאציע, אנווייזענדיג, אז די פראגע קען נור רעגולירט ווערען דורך א פעראָרדנונג פון מיניסטער און נישט אין פארם פון א „לאקאלער פעראָרדנונג", ווי דאס איז געשעהן מיט דעם אבצאהל פאר וואסער און קאנאלען ביי אונז אין שטאדט, וואו די הויך פון אבצאהל פאר וואסער איז אבהענגיג געווארען פון דירה-געלד, אזוי אז דאס איז געווארען אזא מין שטייער.

עס רעדט אויך ה׳ וויטשיק וועגען דער וואוינונגס-בוי-קאאפעראטיוו, און צום סוף ווערען אנגענומען א גאנצע רייהע רעזאלוציעס, געגען דעם איצטיגען וואסער-אבצאהל, געגען העכערען דאס דירה-געלד, וועלכע מיר וועלען ברענגען אין נעכסטען נומער.

מיסברויכען אין דער שטאדטישער בעטאן-פאבריק.

דער דערווייליגער מאגיסטראט האט איבערשיקט א בריעף אין דער היגער פראקוראטור, אין וועלכען עס ווערט אנגעוויזען אויף א רייהע מיסברויכען, וואס זענען פארגעקומען אין דער שטאדטישער בעטאן-פאבריק דורך דעם געוועזענעם לייטער פון דער דאזיגער פאבריק פעליקס באבעק.

דער לייטער איז מיט א צייט צוריק פון זיין אמט בעפרייט געווארען, און ווי עס ווייזט איצט אויס די קאנטראל וועלכע איז איבער די ביכער אדורכגעפיהרט געווארען, זענען דארט פארגעקומען מיסברויכען אויף א סומע פון איבער 10 טויזענד זל.

עס געהען אויך ארום קלאנגען, אז דערזעלבער לייטער האט געארבייט אין דער פערוואלטונג פון וואסערלייטונג און קאנאליזאציע.

די בעוועגונג אויף די אויטאבוסען ווערט קלענער.

דער קריזיס האט אונגעהויערע פאלגען אין אלע געביעטען פון ווירטשאפטליכען לעבען, אין דער ערשטער רייה פיהלט זיך עס אין דער קאמוניקאציאנס-בעוועגונג, ספעציעל אין דעם פאל אין אונזער שטאדט. אין פערלויף פון פערגאנגענעם חודש איז די אויטאבוסען-בעוועגונג אין אונזער שטאדט געוועזען מיט 15 פראצענט וויניגער, ווי אין פריהריגען חודש יוני.

אין דער לעצטער צייט פאהרען טעגליך פון 3—4 טויזענד פאסאזשירען דורכשניטליך.

פון די 10 אויטאבוסען זענען אין פערקעהר בלויז 8, די איבריגע צוויי ווערען געהאלטען אין רעזערוו.

אויספלוג פון „זש. ט. ק." קיין אוסטראן.

דער היגער זש. ט. ק. ארדענט איין א אויספלוג אין די בעסקידען-געבערג קיין אוסטראן—וויסלא, אין די טעג פון 15 און 16 ד. ח.

איינשרייבונגען ווערען אנגענומען אין סעקרעטאריאט פון פעראיין און ביי ה׳ רזאנשינסקי ביז דאנערשטאג דעם 13 ד. ח.

די רייזע וועט קאסטען 15 זל.

א גלענצענדע פארשטעלונג פון א. סאמבערג

די וואך האט גאסטראלירט ביי אונז אין טשענסטאכאוו דער בעוואוסטער קינסטלער א. סאמבערג, וועלכער האט געגעבען „דעם פערשאלטענעם".

סאמבערג האט געשאפען א הערליכע קרעאציע און בעצויבערט דאס פובליקום מיט זיין וואונדערבארען שפילען די ראל פון פערשאלטענעם, וואס וויל אויך געניסען פון לעבען.

עס איז נאר צו בעדויערען, וואס די פארשטעלונג איז אויסגעקומען באלד נאך דער פארשטעלונג פון באראטאוו׳ן און דאס האט גורם געווען, אז דער בעזוך איז געווען א שוואכער.

מען זאמעלט געלד אויפ׳ן „ים".

אין גאס, ספעציעל אין דער צווייטער אלעע, טרעפט לעצטענ׳ס אפט, אז מען געהט, קומט פלוצים אקעגען א הויכער, מיט א גענוג אינטעליגענטען אויסזעהען און גיט איבער דעם דורכגעהער א קארטע. די קארטע נעמט יעדער צו און געהט ווייטער, אין דעם מאמענט קומט אונטער א צווייטער עהנליכער אינטעליגענט און רוקט אייך אונטער א שאכטיל, אין וועלכען ער לייגט פאר ארייצולעגען געלד פאר דער קארטע.

דער דורכגעהער געפונט זיך מאנכעס מאל אין א פערלעגענהייט און בעצאהלט פאר דער קארטע.

אויף וואסערע צוועק געהט דאס געלד?—פרעגט א היגע פוילישע צייטונג און זי ענטפערט: „נא מארזשע". וואלט זיך אין פלוג געדאכט, אז פאר׳ן פוילישען ים פאר דער ים-ליגע, הויבט זיך גארנישט אן, דאס געלד געהט אייפ׳ן „ים", אויף א פוילישע פריוואט-צייטונג, וואס ווערט ארויסגעגעבען א. נ. „מארזשע",

ס׳איז נישט קיין בעטעמ׳טע המצאה,

די יקרות-בעוועגונג אין אונזער שטאעט.

לויט די אויסרעכנונגען פון דער היגער סטאטיסטישער קאמיסיע אויף איהר לעצטער זיצונג זענען די אויסהאלטונגס-קאסטען אין פערלויף פון חודש אבסאלוט נישט געענדערט געווארען.

יוני און יולי האבען זיך אין דעם פרט אויסגעגלייכט.

רעדאקציאנעלעס,

דער רעדאקטאר פון אונזער צייטונג ה׳ י. פלאצקער איז אבגעפאהרען אויף א 4-וואכעדיגען אורלויב קיין טשעכאטשינעק.

וויצע - פרעמיער נאקאניעטשניקאף אין טשענסטאכאוו.

אויף זיין אדורכרייזע אין אויטא האט דער וויצע-פרעסיער נאקאניעטשניקאף זיך אבגעשטעלט אויף א קורצער צייט אין אונזער שטאדט, וואו ער האט אין משך פון איינגע שעה בעזוכט די יאסנא-גורא און די שטאדט.

דעם הויכגעשטעלטען גאסט האבען אבגעווארט די פיהרער פון דער היגער רעגירונגס און קאמונאלער מאכט.

טעאטער קאמעראלני

היינט פרייטאג 9 אווענד קאנצערט

פון

יודישן ווארט

פון פרעמיער פון דער ווילנער טרופע

יעקב ווייסליץ

אין פראגראם:

חסידיש פון י. ל. פרץ, פאלקסטימליכעס פון ש. אש, הומאר און סאטירע פון משה נאדיר, דוד בערגעלסאן, ה. לייוויק א. א.

בילעטען פון 60 גר. ביז 1.50

שוין צו בעקומען אין דער דרוקעריי פון ה׳ באטשאן.

וואסערלייטונג אין זאטשיש.

דער היגער שטאדט - קאמימאר ה׳ מאזור האט זייענדיג אין ווארשא זיך געוואנדען צום קריעגס-מיניסטער וועגען בעשטימען א געוויסע סומע אויף אדורכצופיהרען וואסערלייטונג אויך אין זאטשיש.

דער מיניסטער האט זיך דערצו בעצויגען פאזיטיוו און א ספעציעלע קאמיסיע האט די טעג זיך בעקענט מיט׳ן פראיעקט אויפ׳ן ארט.

גלייכצייטיג האט דער מיניסטער בעשלאסען אז דער מאגיסטראט זאל בעקומען א קאנטא אויפ׳ן חשבון פון דעם וואסער, וואס דאס זאטשישער מיליטער וועט פערברויכען.

היינט — דער יודישער ווארט-קאנצערט.

היינט פרייטאג 9 אווענד קומט פאר אין טעאטער „קאמעראלני" דער קאנצערט פון יודישען ווארט פון פרעמיער פון דער ווילנער טרופע יעקב ווייסליץ.

אינ׳ם פראגראם די שאפונגען פון: פרץ, לייוויק, אש, נאדיר, שלום-עליכם א"א.

דער דאזיגער אינטערעסאנטער אווענד זאגט צו צו זיין זעהר צאהלרייך בעזוכט.

ענטפער פון רעדאקציע

דעם שטענדיגען לעזער פון ק.: דער 25 שערפיען איז אויסגעפאלען זונטאג י"ז אלול תרע"ח.

געשמאקע פרישע מיטאגען

ווערט ארויסגעגעבען טעגליך פון 12 ביז 3 נאכמיטאג

אין דעם לאנגיעהריגען רעסטאראן פון

מיכאל הערץ, אלעע 5 №

רעכנענדיג זיך מיט דער קריטישער צייט, האבען מיר בעשלאסען צו מאכען גרויסען אומזאץ און א מינימאלען פערדינסט, כדי די קונדען צופרידענצושטעלען.

מיטאגען צום פרייז פון 1,50 ביז 3 זלאטעס.

ווילט איהר אבעסען א גוט געשמאק מיטאג פאר א ביליגען פרייז

דאן בעזוכט אונזער רעסטאראן און איהר וועט העכסט צופרידען זיין.

שבת און יום=טוב איינגאנג דורכ׳ן הויף רעכטס.

Zastępca: I. Lewkowicz, Częstochowa, Narutowicza 15.
Złoty medal na wystawie w Katowicach 1927

Nie wyrzucajcie Waszych pieniędzy!

Kupując mydła zamiejscowych fabryk płacicie wyższe ceny za kosztowne plakaty i koszty przewozu, podczas

gdy mydło z „Rybką" jest lepsze i przytem tańsze.

Używajcie Mydło -- tylko z Rybką.

Częstochowska Fabryka Mydła

DZIUBAS i FISZEL

SPÓŁKA AKCYJNA.

Przedstawiciel na Częstochowę p. NATAN GERSZONOWICZ w miejscu, Narutowicza 10.

היינט! אונגעוועהנליכע סענסאציע! ליבלינג פון פובליקום קלארא באוו

רעדט פויליש אין איהר נייעסטען רעדעוודיגען פוילישען פילם

KARKOŁOMNE ZAKRĘTY

דראמא פון צירק-לעבען אין 10 אקטען. דיאלאגען אין דער פוילישער שפראך.

איבער׳ן פראגראם: קלאנג=וואך און „ווען די נאכט פאלט צו" חוץ דעם: די ענטהילונג פון ווילסאנס דענקמאל.

פון היינט! א גענצליך נייער פראגראם.

Teatr „ODEON"

אלעע 27.

לעצטער סעאנס 10 אווענד.

ערנידריגטע פרייזען

אויפ׳ן 1 סעאנס קרזעסלא 1 זל.

ערשטער מוסטערהאפטער

קלאנג=קינא

Nowości

אלעע 12

לעצטער סעאנס 9-30 אוענד.

היינט און ווייטערע טעג.

Redaktor: Izrael Płockier Wydawca B. Bocian Druk. B. Bocian, Aleja 6